ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

צווייטער טייל
ערשטער קאפיטל
אידיש

**734**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר השבת

# SEFER HASHABAT

TRANSLATED FROM HEBREW

By

I. J. SCHWARTZ

FARBAND BOOK PUBLISHING ASSOCIATION, Inc.
New York
1947

# ספר השבת

## שבת אין אידישן לעבן
## דורך אלע דורות

איבערזעצט און צוזאַמענגעשטעלט

פון

## י. י. שווארץ

צווייטער טייל

ארויסגעגעבן פון

פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג

געגרינדעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו יארק — 1947

Copyright, 1947, by
Farband Book Publishing Association, Inc.
45 East 17th Street, New York 3, N. Y.

*Printed in U.S.A. by*
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

# אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיט דעם צווייטן טייל „ספר השבת״ פאַרענדיקן מיר די געפּלאַנטע, צוויי־בענדיקע אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער שאַפונג איבער שבת.

די אַנטאָלאָגיע הויבט זיך אָן מיט דעם אוראַלטן מאַטעריאַל וועגן שבת וואָס געפינט זיך אין דער תורה, וואָס ווייזט אונדז, אַז דער שבת איז איינגעוועבט געוואָרן אינ׳ם געבוי פון דער אידישער אומה שוין באַלד ביי איר אַנטשטייאונג. נאָכדעם קומען אריין אין דער אַנטאָלאָגיע די שאַפונגען וועגן שבת פון אַלע דורות ביז צו אונדזער היינטיקער צייט.

די רייכע שבת־ליטעראַטור וואָס איז צונויפגעזאַמלט אין די צוויי ביכער — אויסער דעם גרויסן מאַטעריאַל וואָס איז גענומען געוואָרן פון תנ״ך, תלמוד און מדרשים — קומט פון דער פען פון מער ווי צוויי הונדערט אידישע גייסטער פון פאַרשיידענע תקופות. די שאַפונגען שפּיגלען אָפּ די השפעה פון שבת אויף די אידישע דענקער און דיכטער, און אויף דעם אייביקן בונד צווישן גאָט, דעם אידישן פאָלק און שבת. עס ווערט קלאָר, אַז שבת האָט אוועקגעלייגט זיין חתימה פון קדושה, גאולה און יצירה אויף דער אידישער קולטור פון אַלע צייטן, און האָט סטימולירט דאָס אידישע פאָלק מיט לעבנס־פרייד און גלויבן אין אַ וועלט וואָס וועט זיין „כולו שבת״.

דער צווייטער באַנד „ספר השבת״ איז באַזונדערס רייך מיט שאַפונגען פון דענקער, שריפטשטעלער און דיכטער פון דער נייער צייט.ליידער האָט מען געמוזט, צוליב טעכנישע סיבות, נאָך אַלץ אויסלאָזן וויכטיקע אַרבעטן איבער שבת וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין העברעאיש, אין אידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. פון דעם מאַטעריאַל וואָס איז אָבער געזאַמלט געוואָרן אין די בענדער, איז צו זען, ווי די אידייע פון שבת לעבט אין אידישן פאָלק און איז כסדר משפּיע אויף די גייסטיקע פירער פון פאָלק.

די שבת־אַנטאָלאָגיע איז ניט נאָר אַ בוך צום לייענען און הנאה האָבן, נאָר אויך אַ וויכטיקער ספר צום לערנען און צום פאַרטיפן זיך

אין אים. דער שבת האָט דורכגעמאַכט זיין אַנטוויקלונג אין משך פון טויזנטער יאָרן און איז פאַרבונדן געוואָרן מיט אַ סך דינים, מנהגים, טראַדיציעס און אידייען, און איז אַן ענין וואָס פאָדערט אַ גרינטלעכן שטודיום. דורך דער שבת-אַנטאָלאָגיע קען מען זיך באַקאָנען מיטן שבת דורך תורה, מדרשים, אגדות, פשט'לעך און דרשות, זמירות און תפילות, מעשיות און תחינות, עסייען, זכרונות, דערציילונגען און לידער. דורך די אַלע שאַפונגס-פאָרמען האָט דער אידישער געניוס אַרויסגעבראַכט די קוואַלן פון שיינקייט און הייליקייט, פון וויזיע און גבורה וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין שבת.

עס איז די האָפענונג פון די אַרויסגעבער, אַז דער „ספר השבת" וועט העלפן דעם לייענער בעסער צו פאַרשטיין דעם גאַנצן מהות פון שבת און באַגרייפן זיין טיף געלייטערטן אינהאַלט. אודאי וועט פאַר אונדז זיין אַ גרויסער זכות אויב דער „ספר השבת" וועט באַווירקן די לייענער צו געפינען וועגן צו שמירת-שבת און צו מאַכן שבת פאַר אַ טאָג פון רו, פרייד און דערהויבונג פאַר זיי און פאַר זייערע משפחות.

דעם „ספר השבת" אין אידיש האָבן פאַרטראַכט און פּלאַנירט דער רעדאַקטאָר און איבערזעצער פון בוך, דער דיכטער י. י. שוואַרץ, און חבר פ. גינגאָלד, דער בילדונגס-לייטער פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. דער „ספר השבת" אין העברעאיש, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ארץ-ישראל אונטער דער רעדאַקציע פון פון דר. י. ל. ברוך און אַנדערע געלערטע, איז געווען דער וועג-ווייזער אין אונדזער אַרבעט. אינ'ם פּלאַנירן דאָס בוך האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן די חשוב'ע געלערטע דר. א. מענעס, חיים שויס און אבא גאָרדאָן. די גענעראַל-עקזעקוטיווע פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד, דורכן סעקרעטאַר חבר ל. סיגאַל, האָט דערמוטיקט אין דער אַרבעט און מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן פון דער צוויי-בענדיקער אויסגאַבע. גאָר א סך מי אין דורכפירן דעם פּלאַן האָט אויך אַריינ-געלייגט חבר מ. פישער, דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד ביכער-פאַר-לאַג. זאָלן זיין געבענטשט די אַלע וואָס האָבן געהאָלפן אין דער אַרבעט.

**פאַרבאַנד ביכער-פאַרלאַג**

געגרינדעט פון

**אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד**

# אינהאַלט:

## ערשטער קאַפּיטל

## עסייען וועגן שבת


א וואָרט פון די ארויסגעבער ........ v
יחיאל מיכל פינעס — די אייגנשאַפטן פון שבת ........ 3
פּראָפעסאָר חיים שטיינטאַל — די לעבנס־פריידן ביי אידן ........ 4
זאב יעבץ — שבת און זיין דערציערישן ווערט ........ 5
אחד־העם — דער שבת האָט אָפּגעהיט דאָס אידישע פאָלק ........ 6
חיים נחמן ביאַליק — די יצירה פון שבת ........ 7
דר. מ. גליקסאָן — וועגן שבת ........ 12
יעקב פיכמאַן — וועגן שבת ........ 17
הלל צייטלין — די מנוחה פון מעשי־בראשית ........ 23
א. מ. ליפשיץ — שבת ........ 24
צבי הירש מאַסליאַנסקי — די באַדייטונג פון שבת ........ 28
י. ל. ברוך — די הערשאַפט פון שבת ........ 29
זלמן עפּשטיין — די אינסטיטוציע „עונג־שבת" אין תל־אביב ........ 30
ר' בנימין — די מסיבות פון עונג־שבת אין ארץ ישראל ........ 32
ישעיה וואָלפסבערג — די רעליגיאָזיטעט פון שבת ........ 35
פ. שיפמאַן — וועגן שבת ........ 36
פּראָפעסאָר באַגינסקי — דער ווערט פון יום־המנוחה ........ 37
פראַנץ ראָזענצווייג — דער סוד פון שבת ........ 38
צבי הר־זהב — דער ליבסטער פון טעג ........ 40
אפרים צורף — דער כוח פון שבת ........ 41
זלמן שניאור — א וואָרט וועגן שבת ........ 42
בעל־מחשבות — שבת ........ 45
חיים שויס — שבת — א טאָג פון רו און א הייליקער טאָג ........ 51
יהודה אבן־שמואל — די מתנה פון שבת ........ 54
חיים גרינבערג — שבת 60


## צווייטער קאַפּיטל

## תחינות און תפילות


א תחינה צו ליכט־בענטשן ........ 69
א תחינה פאַרן עסן ........ 71
די שבת'דיקע תפילות ........ 72

## דריטער קאַפּיטל

# לידער


ר׳ שלמה אלקבץ — לכה דודי 77
ר׳ שלמה יצחקי (רש״י) — אַ זמר פאַר שבת־צו־נאַכט 78
יהודה הלוי — אַ זמר לשבת 79
יהודה הלוי — אַ זמר פאַר שבת־צונאַכט 81
אברהם אבן־עזרא — דער בריוו פון שבת 83
ענן בר מרינוס הכהן — אליהו הנביא 86
ישי בן־מרדכי — איש־חסיד 87
ר׳ ישראל נאַגאַרה — אליהו הנביא 90
נפתלי הערץ ווייזל — פון „שירי־תפארת״ 91
היינריך היינע — די פּרינצעסין שבת 94
ק. א. שאַפּיראָ — ליכט־בענטשן 98
י. ל. פּרץ — פראַגמענט פון „גאָלדענער קייט״ 100
חיים נחמן ביאַליק — מיין מאַמע, זכרונה לברכה 104
שאול טשערניכאָווסקי — שבת־צו־נאַכט 106
מאָריס ראָזענפעלד — שבת־חזון 108
יהואָש — מזמור שיר ליום השבת 108
א. ליעסין — שבת פאַרנאַכט 109
אברהם רייזען — שבת פאַרנאַכט 113
א. ש. שוואַרץ — קבלת־שבת 115
י. אַדלער — שבת בין השמשות 116
ה. רויזענבלאַט — „גאָט פון אברהם״ 117
יוסף ראָלניק — אַ שבת־צו־נאַכט אין ניו יאָרק 117
ז. שניאור — אַ לויבגעזאַנג דער מלכה 119
ז. שניאור — דעם זיידנס שבת 121
מאַני־לייב — ליכט־בענטשן 122
מאַני־לייב — ערב־שבת אין ווילנע 123
ראובן אייזלאַנד — פון דער פּאָעמע „טאַרנאָוו״ 125
י. י. שוואַרץ — שבת פאַרנאַכט 127
דוד איינהאָרן — שבת־חזון 130
ה. לייוויק — „שלום עליכם, מלאכי השלום״ 131
מרים אולינאָווער — שבת 133
חיים לענסקי — Requiem 134
נחום יוד — דער ערב שבת אין פעלד 136
י. י. סיגאַל — שבת 137
נפתלי גראָס — ערב־שבת 138
א. לעיעלעס — שבת־שעה׳ן 138
אפרים אויערבאַך — לכה דודי 140

אהרן צייטלין — אָדם און שבת (סאָנעט)........ 141
איציק מאַנגער — א ליד וועגן אליהו הנביא........ 141
איציק מאַנגער — נעמי זאָגט „גאָט פון אברם"........ 143
יעקב גלאַטשטיין — דער גאָט פון טרויעריקן שבת........ 144
בעריש ווײַנשטיין — פון פּאָעמע „ריישע"........ 146
יעקב גלנאַץ — פרייטיק־צו־נאַכטס........ 148
אברהם טווערסקי — שבת־ליכט........ 148
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — הבדלה........ 149
אסתר שומיאַטשער — פון א פּאָעמע........ 150
יחיאל לערער — פון פּאָעמע: „מיין היים"........ 151
ל. אָליצקי — שבת־ליכט אין פוילן........ 156

## פערטער קאַפּיטל

# דערציילונגען

שבת־קודש אין גן־עדן (פאָלקס־מעשה)........ 159
מענדעלע־מוכר־ספרים — דעם אָרעמאַנס שבת........ 167
י. ל. פרץ — דער אוצר........ 170
י. ל. פרץ — מלוה־מלכה........ 174
י. ל. פרץ — די לעזערין........ 182
דוד פינסקי — אָנהייב ערשטער אקט פון „די מוטער"........ 183
אב. קאהאן — פרייטיק־צו־נאכט (פון זיין בוך „בלעטער פון מיין לעבן")........ 184
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי — פון קנעכטשאפט צו גאולה........ 188
יהודה שטיינבערג — „ברכי נפשי" און „פרקי־אָבות"........ 193
חיים נחמן ביאַליק — שבת אויפן דאָרף........ 198
חיים נחמן ביאַליק — די מאַמע בענטשט ליכט אויפן וועג........ 202
ש. בן־ציון — א מעשה מיטן ווילנער גאון........ 204
אברהם רייזען — אן אורח אויף שבת........ 207
אברהם רייזען — אין גרינעם גאָרטן........ 211
אברהם רייזען — אין א שבת'דיקן זומער־טאָג........ 216
אברהם רייזען — די דריי סעודות........ 219
שלום אַש — שבת אין וועג........ 223
שלום אַש — הכנסת אורחים........ 227
שלום אַש — שלום־זכר........ 230
שלום אַש — פון דער דערציילונג „יתגדל ויתקדש"........ 238
י. י. טרונק — קאפּיטלעך פון „פוילן"........ 243
י. ד. בערקאָוויטש — מפטיר........ 253
יצחק קאַצענעלסאָן — קאפּיטלעך פון „בגבולות ליטא"........ 260

יצחק קאַצענעלסאָן — שבת־צו־נאַכט 272
י. אָפּאַטאָשו — אַ שבת נאָכמיטיק 277
י. אָפּאַטאָשו — אין אַ פאַרשנייט פעלד 281
י. אָפּאַטאָשו — "גאַי שוין, גאַי" 285
י. אָפּאַטאָשו — אַ שבת אין זאַמאָשטש 289
דוד איגנאַטאָוו — פון „וואונדער מעשיות פון אַלטן פּראָג" 293
מ. אָשעראָוויטש — זכרונות 300
י. י. זינגער — פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער 306
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — דער טאָג שבת 314
י. מצעקער — תנאים 316
ש"י עגנון — ר' יודל און אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך פאַרלאָפן 322
ש"י עגנון — אין איינעם אַ שבת 325
ש"י עגנון — שבת אויפן שיף 326
ש"י עגנון — שבתי 329
ש"י עגנון — די מטבע 332
ש"י עגנון — אַ מעשה מיט איינער אַ פרוי 335
ש"י עגנון — די שמחה פון שבת 337

ערשטער קאַפּיטל

# עסייען וועגן שבת

## יחיאל מיכל פינעס

# די אייגנשאַפטן פון שבת

דער שבת האָט אין זיך פאַרשיידענע אייגנשאַפטן: רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע; ס'איז אַ טאָג פון רו פאַר דער נשמה, זיך אָפּצו־רוען פון מי פון דער וואָך, צו פאַרברענגען מיט גאָט און זיך צו היילקן. דער שלום־בית צעעפנט זיינע קנאָספּן ווי אַ רויז און פאַרשמעקט די שטוב. אין יענעם טאָג באַשיצן די ברכה און די מנוחה איבער דער משפחה, ווי די מלאכים מיט זייערע פליגלען, און פאַרבינדן זי מיט ליבשאַפט און פילן זי אָן מיט אַ ריינער יראה און מיט ליבשאַפט צו גאָט. ס'איז אַ טאָג פון פאַר־זאַמלונג, זיך צו פאַרזאַמלען פאַר גאָט, מאַנסלייט, פרויען און קינדער, און זייער נשמה דערהויבט זיך צום הימל אויף די רייד פון לעבעדיקן גאָט, וואָס ווערן געלייענט און דערקלערט פאַר זיי אין תורת־משה און די נביאים. ס'איז אַ טאָג פון זכרון, וואָס פאַרפלאַנצט אין אונדז אַ ליבשאַפט צו פרייהייט און צו זעלבסטשטענדיקייט, וואָס לאָזט אונדז רוען און האַלטן שבת, ווי דאָס האַרץ גלוסט. דערהויפּט איז פאַראַן אין אים אַ סך נוצן פאַרן פּראַקטישן לעבן: א) אַז ס'פאָלק זאָל ניט מיד ווערן פון מאָנאָטאָנער אַרבעט, וואָס האָט די טענדענץ, אויסצומעקן פון די הערצער פון די אַרבעטער יעדע דערהויבונג און יעדע פאַרשענערונג פון וויסן און מאָראַל, און איז שעדלעך פאַרן געזונט; ב) כדי קהל זאָל זיך צונויפקומען צוזאַמען צו באַטראַכטן זייערע נויטן און איינפירן גוטע תקנות. נאָר מער פון אַלץ דאַרפן מיר באַנעמען דעם גייסט פון ליבע צום מענטשן, וואָס שוועבט איבער דעם דאָזיקן טאָג. „זאָלסט היטן דעם טאָג שבת אים צו האַלטן הייליק" —— רופט צו אונדז גאָט'ס קול פון פייער, נאָר ניט צוליב דיך אַליין האָב איך אים געהייליקט, אַז דו זאָלסט עסן און זיך לאָזן וואוילגיין מיט פרעמדער פּראַצע — „דער זיבעטער טאָג איז שבת פאַר גאָט דיין גאָט", „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט, ווי דו אַליין", ווייל די דאָזיקע אַרבעטער, וואָס טוען פאַר דיר דיין אַרבעט, זיינען אויך מענטשן; און אויב זיי האָבן דיר פאַרקויפט זייער אַרבעט, זאָלסטו זיי ניט מאַכן אַרבעטן צו שווער, זאָלסט זיי לאָזן זיין פריי אום שבת און זיך זעטיקן מיטן האָניק פון רו, אָוועקנעמען די ביטערקייט פון דער אַרבעט דורך די זעקס טעג פון וואָך, ווייל דו ווייסט דאָך דאָס האַרץ פון קנעכט, און דו ווייסט אויך זיין פּיין און מי, דאַרום באַפעל איך איך דיך, זיי צו באַפרייען דורכן שבת, און זאָלן זיי לויבן גאָט צוזאַמען מיט דיר.

## פראָפעסאָר חיים שטיינטאַל

# די לעבנספרייד ביי אידן

דאָס פאָלק ישראל, וואָס אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלן דער שווער־רער חלק — אייביקער וואַנדער, שחיטות, רדיפות און שמדות — מאַכט פונדעסטוועגן תמיד די ברכה פון „שהחיינו" און צו אַ חתונה די ברכה פון ש„השמחה במעונו". (די שמחה איז אין זיין וואוינונג) ספּעציעל וואונדערלעך איז דער נוסח פון פרייטיק־צו־נאַכטיקן דאַווענען „און ער באַרוט אין קדושה דאָס פאָלק וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט תענוג." דער געיאָגטער און געפּייניקטער איד איז אָנגעזאָפּט מיט תענוג — האָט איר שוין געהערט אַזוינס?

אָבער דער איד האָט געהאַט זיין אייגן געווירץ, וואָס האָט אים פאַר־זיסט דעם מרור פון לעבן און האָט אים געגעבן כוח זיך אַנטקעגן צו שטעלן די בלוטיקע כוואַליעס און אויסצושרייען מיט שמחה „שמע־ישראל", ווען ער איז געשפּרונגען אין פייער.

דאָס דאָזיקע געווירץ איז די גרויסע אמונה אין גאָט, אין וועלכער עס פאַראייניקן זיך אַלע אידעאַלן: רחמים, אמת, ליבשאַפט, גערעכטיקייט, חכמה, פּראַקטיקייט, אאַז"וו. און דאָס איז, וואָס ס'האָט געגעבן אַ תורת־אמת צום אידישן פאָלק און איינגעפלאַנצט אין אונדז אייביק לעבן. אין דער תורה זיינען פאַראַן פינף טויזנט, אַכט הונדערט און פינף און פערציק פּסוקים ווי די צאָל פון ה׳ ח׳ מ׳ ה׳ (די זון), מחמת פּונקט ווי די זון אַזוי לויכט און וואַרעמט נאָכאַנאַנד די תורה.

„הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך, גאָט אייער גאָט, בין הייליק".

און ווי איז שייך זיך ניט צו פרייען — ווען מיר האָבן אַזאַ גאָט, אַזאַ תורה און אַזעלכע שבתים און יום־טובים!

זיצט זיך אַ איד נאָך „שלוש־סעודות" און לייענט אין נחת דעם מזמור פון „ברכי נפשי" און ס׳גייען דורך אין זיין כוח־הדמיון אַלע גרויסע נאַטור־דערשיינונגען: ריזיקע בערג, די צעדער פון לבנון, דער ים און דער לויתן, די לייבן וואָס ברילן פאַר פאַרצוקונג, פייער־שפּייענדיקע בערג מיט לאַווע און רויך. און ער ווייס, אַז די אַלע זיינען די שאַפונגען פון בורא־יחיד, און ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „און איך וועל מיך פרייען מיט גאָט".

אַ גרויסער קוואַל פון שמחה איז דאָ אין אידנס לעבן.

„און די פאַרליטענע וועלן מערן זייער שמחה אין גאָט, און די באַ־דערפטיקע צווישן מענטשן וועלן מיטן הייליקן פון ישראל זיך פרייען" (ישעיה כ"ט, י"ט).

## זאב יעבץ

# שבת און זיין דערציִעריש ווערט

פון ערשטן טאָג אָן, וואָס דער תלמיד שטעלט אַוועק זיין פוס אויפן שוועל פון דער ניט־אידישער שולע, ווערט די העברעאישע שעה איינגעשרומפן, די שעה וואָס קומט נאָכדעם ווי דער צאַרטער מוח פון קינד איז מיד און איינגעמאַטערט, און ווערט זיך אַנטקעגן נייעם למוד... און צוזאַמען מיט דער אויסרייסונג פון דער אידישער נשמה פון תלמיד׳ס גייסטיק לעבן, ווערט זי אויך אויסגעריסן פון זיין שטוביק לעבן און פון גבול פון דעם וואָס זיינע אויגן זעען. מחמת שבת, וואָס איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי די גאַנצע תורה און וואָס איז דער קוואַל פון אידיש לעבן, דער דאָזיקער אידישער שבת ווערט אָפּגעשטופּט צוליב אַ פרעמדן שבת. ס׳איז וואָר, אַז פרומע עלטערן באַמיען זיך, אַז די קינדער זייערע זאָלן באַפרייט ווערן יענעם טאָג פון שרייבן, און פון גאַנצן האַרצן בענטשן מיר זיי דערפאַר, ווייל זיי ווילן פאַרהיטן זייערע קינדער פון אַ האַרבן איסור, — אָבער, אויב אַפילו די קינדער שרייבן ניט און טוען קיין שום מלאכה ניט, נאָר זיי הייבן זיך אויף שבת צו גיין אַכט אַזייגער אין שולע און פאַרברענגען דאָרט ביז דריי, בלויז הערן די לעקציעס און שרייבן ניט אַפילו קיין איינאיינציקן אות — צי קען מען דען אויף אַזאַ שבת זאָגן, אַז ער ווערט אָפּגעהיט כהלכה? דער שבת ליגט דאָך זיין חותם אויף דער אידישער נשמה דורך יעדער איינציקער שעה פון טאָג און דורך זיין יעדער איינציקער רגע און מיט זיין יעדן איינציקן מנהג: דאָס צערעמאָניאַל אין שול, דאָס דאַווענען, דאָס לייענען און די הפטורה — זיינען דאָך אַ באַזונדער לעבן פאַר זיך, וואָס קריצן איין טיפע שאַרפע שטריכן אויפן גייסטיקן פּנים פון פאָלק. דער שבת׳דיקער טיש מיט דעם גרויסן נחת־רוח וואָס ליגט איבער אים אויסגעגאָסן און די פרייד און קדושה וואָס שוועבן איבער אים — דאָס זיינען דאָך ספּעציפישע פיל פּנימדיקייטן, וואָס קיין קינסטלער און קיין מייסטער איז ניט בכוח אַזוינס צו שאַפן. דאָס בילד פון די אַלע זאַכן האָט דערהייבן פון דור־דורות די צאַרטע אידישע קינדער, זיי אויסצופורעמען אין זייער פולער פּראַכט. און איצט, אַפילו אויב דער תלמיד שרייבט אום שבת ניט — וועט זיין אידישע נשמה זיין גאַנץ, ווען די אַלע טייערקייטן פעלן אים אויס אין זיינע צאַרט יוגנטלעכע יאָרן, יאָרן אין וועלכע דאָס קינד קען איינזאַפּן שיינקייט און ליבקייט אין זייער פולער ריינקייט? היינט ווי טייער דאָס איז פאַרן פאָלקס־מאָראַל, אַז די דאָזיקע שיינקייטן און ליבקייטן זאָלן זיין געהייליקט מיט דער קדושה פון זיין גלויבן און געבורט! און דער דאָזיקער סוד, אַז וועלטלעכע לימודים נעמען ניט־ווילנדיק אַוועק די קדושה פון שבת, איז גוט באַוואוסט אויך צו אַלע ציוויליזירטע פעלקער, חוץ אונדז. איז דאָך די קריסטלעכע פעלקער

ניט פאַרבאָטן צו שרייבן אין טאָג פון זייער שבת — טאָ פאַרוואָס שליסן זיי זונטיק זייערע שולעס? איז דאָס ניט אַנדערש, ווייל זיי שפּירן בחוש, אַז זייער שבת וועט דורך דעם פאַרשוועכט ווערן, און פון דעם, קענען אידן ציען גרויסע מסקנות.

## אחד-העם

## דער שבת האָט אָפּגעהיט דאָס אידישע פאָלק

מיר זעען באַרימטע מענטשן, פריידענקער, וואָס זיינען ווייט פון אמונה, — זיינען מודה מיטן פולן מויל, אַז זיי אַליין היטן ניט אָפּ, ניט דעם שבת און ניט די אַנדערע רעליגיעזע געבאָטן, און דאָך, קומען זיי אַרויס מגין צו זיין אויפן שבת, ווי אויף אַן אינסטיטוציע פון גאַנצן כלל, אַן דעם מינדסטן שאָטן פון רעליגיעזער צביעות, וואָס האָט אַמאָל פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין אַזעלכע וויכוחים. און בלויז צוליב נאַציאָנאַלע טעמים אַליין, זיינען זיי ניט מסכים צוצוגעבן אַפילו „אַ צווייטן טאָג שבת פון גלות״. קענט איר געפינען אַ גרעסערער ראיה מכוח דער דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלן „אידישן געפיל״ צווישן אונדזערע ברידער פון מערב־איראָפּע, אַפילו מחוץ דער ציוניסטישער מחנה? „מ׳באַדאַרף ניט זיין קיין ציוניסט אָדער אַ פרומער, כדי צו דערקענען דאָס ווערט פון שבת״ — האָט געזאָגט איינער פון די גדולים פון אַ קהילה — און ער איז גערעכט. דער וואָס שפּירט אין האַרצן אַן אמת׳ע פאַרבינדונג מיטן פאָלקסלעבן פון אַלע דורות — וועט בשום אופן זיך ניט קענען פאָרשטעלן דאָס לעבן פון אַ אידיש פאָלק אָן דער „מלכה־שבת״. מ׳קען זאָגן אָן קיין שום איבערטרייבונג, אַז מער ווי אידן האָבן אָפּגעהיט דעם שבת — האָט דער שבת זיי אָפּגעהיט. און ווען ניט ער, וואָס האָט זיי צוריקגע־קערט זייער „נשמה״ וואָך איין וואָך אויס באַנייט זייער גייסטיק לעבן — וואָלטן די ליידן פון די „ימי־המעשה״ זיי אַרונטערגעשלעפּט אינדערנידער, ביז זיי וואָלטן צום סוף געקומען צו דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון מאַטעריאַליזם און מאָראַלער און וועלטלעכער געפאַלנקייט. און דעריבער דאַרף מען געוויס ניט זיין קיין ציוניסט, בכדי צו דערשפּירן די פולע פּראַכט פון היסטאָרישער קדושה, וואָס שוועבט איבער דער דאָזיקער „גוטער מתנה״, און זיך שטעלן מיט אַלע כוחות אַנטקעגן יענע וואָס ווילן אים אָנרירן.

(על פרשת דרכים ג׳, פרק ל׳)

חיים נחמן ביאַליק

# די יצירה פון שבת

## א

דאָס פאָלק ישראל האָט זיין פּראַקטיקע שאַפונג — אַ הייליקן דער־הויבענעם טאָג, די מלכה־שבת. אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע איז זי געוואָרן אַ לעבעדיק נפש מיט אַ גוף און אַ געשטאַלט פון אַ גוף, פולקאָם און שיין און פּראַכטיק. דאָס איז דער שבת, וואָס גאָט־ברוך־הוא האָט אַריינגעפירט אין זיין וועלט ביים סוף פון מעשה־בראשית „כדי די געמאָלטע און געצירטע חופּה זאָל ניט בלייבן אָן אַ כלה", דאָס איז די גוטע מתנה, וואָס גאָט־ברוך־הוא האָט געהאַט אין זיינע אוצרות און ניט געפונען פאַר איר קיין שענערן באַשערטן, ווי דאָס אידישע פאָלק. לויט אַ צווייטער פאָלקס־לעגענדע זיצט זי „ווי אַ בת־מלכה, ווי אַ כלה איינגעפאַסט צווישן אירע חבר'טעס", באַהאַלטן אין היכל פון גן־עדן אין זיבעטן קאַמער, און אירע זעקס מיידלעך, די זעקס אַרבעט־טעג, טוען זי באַדינען. ווען זי קומט אַריין אין שטאָט, — ווענדן אַלע צו איר זייערע פּנימ'ער און זיינען זי מקבל־פּנים מיט ברכה: „קום כלה, קום כלה, מלכה־שבת!" און חסידים גייען אַרויס אין פעלד, כדי זי מקבל־פּנים צו זיין. איינמאָל איז זי געקומען צו חלום דעם אבן־עזרא, און זי איז געווען פאַרטרויערט און פאַרביטערט און געשיקט דורך אים אַ בריוול צו איר באַשערטן, צום פאָלק ישראל. אַלע אידישע פּאָעטן, פון ר' יהודה הלוי ביז היינט'ן, האָבן צו איר געזונגען לידער און זמירות. איז זי דען ניט קיין לעגענ־דאַרע שאַפונג? איז זי אַליין דען ניט קיין קוואַל פון לעבן און קדושה פאַר אַ גאַנץ פאָלק און אַ שטראָם וואָס פליסט מיט רוח־הקודש פאַר פּאָעטן און זינגער? און אין דער הלכה? הונדערט פופציק זיבן זייטן זיינען פאַראַן אין דער מסכתא שבת און הונדערט אַכט אין דער מסכתא עירובין. די מערסטע פון זיי זיינען פאַרטיפונגען און דקדוקי־הלכות פון די ל"ט מלאכות און זייערע תולדות און וועגן תחום־שבת. „מיט וואָס מעג מען אָנצינדן, מיט וואָס מעג אַ בהמה אַרויסגיין, ווי אַזוי ווערט מען שותפים צום עירוב" — ס'אַראַ גייסטיקע מי! סאַראַ פאַרשווענדערישקייט פון חריפות אויף יעדער קלייניקייט! און ווען איך גיי דורך צווישן די בלעטער און זע דאָרט כנופיות און כנופיות פון תנאים און אַמוראים ביי זייער אַרבעט — זאָג איך: פּאַרוואָר, קינסטלער פון לעבן ביים ווערקשטאַט, ביים אויספורעמען די אַרבעט. אַזאַ מעכטיקע גייסטיקע אַרבעט, ריזיק און מילביק אינאיינעם, אַן עבודה לשמה, און פון ליבשאַפט און גרענעצלאָזן גלויבן, וואָלט אוממעגלעך געווען אָן רוח־הקודש. יעדער איינציקער פון די דאָזיקע יחידים האָט געטאָן דאָס זייניקע לויט זיין כאַראַק־טער און זיינע נטיות, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געבויגן פאַרן העכערן ווילן, וואָס האָט זיי געטאָן באַהערשן. ניט אַנדערש ווי, אַז איין גרויסע אידייע, דאָס אויבערשטע געשטאַלט פון שבת האָט געשוועבט פאַר די אויגן פון די

דאָזיקע באַזונדערע מענטשן, און זיין גייסט האָט זיי צונויפגענומען פון אַלע דורות און זיי געמאַכט פאַר שותפים אין זיין שאַפונג און פאַרפאַלקאַמונג.

(פון „הלכה ואגדה״)

ב

שבת איז די גענילאַסטע שאַפונג פון אידישן גייסט, און דער וואָס רירט זי אָן, איז ווי ער וואָלט אָנגערירט דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג פון דער גאַנצער אומה. מאַכן אַ גדר, וואָס הייסט אַזוינס „אָנרירן״ — ליגט ניט אויף מיר, און דער עיקר איז, אַז מ׳קען ניט איינשטעלן אין דעם קיין אייזערנע געזעצן. די זאַכן זיינען דינער פון דין און האָבן צו טאָן מיט הארץ, און אַליין לויט דער כוונה פון מענטשן, און די חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט וועגן סיגים: בעסער צען איילן און האַלטן זיך, איידער הונדערט, וואָס האַלט אין פאַלן. (מאזנים י׳—י״א, תרצ״ד)

ג

שבת איז איין טאָג פון די זיבן טעג פון וואָך. און פּלוצים, אין אַ געוויסער שעה, באַקומט דער דאָזיקער טאָג אַ נייעם צוגאָב, די מענטשן וואָס פּייערן אים, ווערן אַנדערש אינערלעך. און אויסווערטיק באַקומט ער אײנ־גאַנצן אַ ניי ליכט. אין שבת איז פאַראַן איינער פון די יסודות פון פּראָזע וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין פּאָעזיע. דער מענטש דריקט אויס עפּעס אַ געדאַנק און פּלוצים ווערט דער דאָזיקער אינהאַלט פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע. אויב איר מיינט, אַז דער אונטערשייד צווישן פּראָזע און פּאָעזיע איז בלויז אַ מעכאַ־נישער אונטערשייד, עפּעס אַ זאַך וואָס איז מער פולקאָם, אַן אונטערשייד פון גראַדאַציע, אַז פּאָעזיע שטייט אויף אַ העכערער מדרגה — אויב איר מיינט אַזוי, מאַכט איר ניט מער ווי אַ טעות. פּאָעזיע איז לגמרי אַן אַנדער אַטמאָספער און איז כלל ניט גלייך צו דער פּראָזע. און אַזוי איז אויך דער יום־טוב ניט קיין טאָג וואָס איז פאַרפולקאָמט געוואָרן, נאָר ער איז אינגאַנצן אַנדערש. דער דאָזיקער סוד איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו אידן, דאָס איז דער סוד פון פאַרהייליקן זאַכן, פון פאַרהייליקן דאָס לעבן. און דער דאָזיקער סוד איז איבערגעגאַנגען פון אונדזער פאָלק און געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. דאָס אייגענע איז מיט ארץ־ישראל: דאָס דאָ־זיקע קליינע לאַנד ווערט אָנגערופן דאָס הייליקע לאַנד, ניט נאָר אין אידישע מיילער, נאָר אויך אין די מיילער פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. דער דאָזי־קער נאָמען איז איר געגעבן געוואָרן צוליב פאַרשיידענע היסטאָרישע סיבות, און דאָס איז דאָך אויך אַ וואונדער. אַ קליינער פּאַס ערד, גלייך צו אַלע אַנדערע לענדער, און פּלוצים ווערט דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ הייליק לאַנד, וואָס די גאַנצע וועלט גיט זיך אָפּ מיט דעם.

און דאָס איז אויך דער סוד פון שבת׳דיקע קדושה, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן. געוויס האָבן אויך אַלע אַנדערע פעלקער זייערע טעג

פון רו, אָבער ס׳איז ניט מער ווי אַ נאָכמאַכונג פון אידישן שבת, און זיי האָבן זייער טאָג ניט אַרויפגעבראַכט צו דער מדרגה פון קדושה. אַזוי ווי ס׳האָט דאָס דאָזיקע שטיקל ערד אויפגעהיט איר קדושה. און אונדזער פאָלק האָט דורך דער גאַנצער לענג פון גלות, געוואוסט אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן סוד, און ווען מיר קומען אַצינד אויפלעבן אונדזער פאָלק אין לאַנד, וועלן מיר אויך וויסן ווי צו באַנייען דעם דאָזיקן סוד.

די קדושה פון לעבן איז געווען ביי אונדז דורך אַלע וואָכעדיקע טעג פון שווערן גלות, הגם, ניט תמיד האָבן מיר דאָס געשפּירט. און אויך אין דעם שטעקט אַ וואונדער, וואָס דורך די שענדלעכע צייטן פון גלות האָבן מיר פון אונדז אַרויסגעגעבן גרויסע הייליקע מענטשן, וואָס אין דער דאָזיקער טומאה האָבן געקענט באַשאַפן ווערן קדושי־עליון, אָפּצוהיטן די ריינקייט פון אידישן לעבן; פאַרוואָר, דער באַשאַפענער מענטש איז פיל גרעסער, ווי ער האַלט זיך ביי זיך אין די אויגן. ס׳איז גאָר ניטאָ קיין גרענעצן פאַרן אינהאַלט וואָס קען אַריינגעגעבן ווערן אין דער דאָזיקער כלי, וואָס מען רופט מיטן נאָמען מענטש, און ס׳טרעפט אויך, אַז קליינע מעשים ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מרכבה פאַר גרויסע ענינים. — — —

און מיר דאַרפן געדענקען, אַז דעם זכות און די סגולה פון פאַרהייליקן דאָס לעבן — האָבן מיר געקויפט דורך שווערע עינויים, און מיר טאָרן מיט זיי ניט מזלזל זיין. און אַמאָל דוכט זיך, אַז מיר פאַרגעסן דעם דאָזיקן זכות און מיר האָבן קיין חוש ניט פאַרן העכערן מאָמענט אין אונדזערע מעשים. צופיל חשבון און בוכהאַלטעריע טראָגן מיר אַריין אין אונדזערע מעשים. נאָר איך בין זיכער, אַז דער דאָזיקער חוש וועט זיך סוף־כל־סוף ביי אונדז דערוועקן, און אין די קומענדיקע טעג, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען דעם וועג, וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען, וועלן מיר באַנעמען זיין גרויסן ווערט, און מיר וועלן איינזען, אַז קליינע זאַכן קענען זיך צונויפנעמען און ווערן איין גרויסער כוח. היינט, צוליב די ווייניקע מעשים און קורצקייט פון צייט קענען מיר זייער גרויסן ווערט ניט באַגרייפן.

צי איז מעגלעך, פון וואָכיקע שמוציקע טעג דיסטילירן אַ הייליקן טאָג, אַ טאָג פון שבת? און דאָך, אַזוי וויית ווי די קדושה האָט איר השפעה אויפן טאָג־טעגלעכן לעבן, ווערן די דאָזיקע פונקען און די טראָפּנס צונויפגערעכנט און דיסטילירט נאָך די זעקס טעג פון וואָך אין איין הייליקן טאָג. דאָס איז אין דער בחינה פון „דער וואָס רוט מיט זיי אין זייער טומאה״, וואָס אַפילו פון טומאה קומען אויף און נעמען זיך צונויף די ניצוצות פון קדושה, אַזוי קומט נאָך די זעקס יאָרן פון אַרבעט דאָס יאָר פון שמיטה און קדושה, און נאָך די זיבן שמיטות קומט דאָס יאָר פון יובל, פון קדושה און פרייהייט.

(פון אַ רעדע אין חדרה, ווינטער, תרפ״ח)

ד

דער עיקר איז, איר זאָלט אַלצדינג טאָן מיט גלויבן און זיך צופיל ניט קליגלען. ביי אונדזערע טאַטעס זיינען זייערע שבתים און יום־טובים קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרן, הגם זיי האָבן זיי איבערגע׳חזר׳ט אַלע זייערע יאָרן מיטן זעלביקן נוסח. איטלעך מאָל האָבן זיי אין זיי געפונען אַ נייעם טעם און אַ נייע זעליקייט. און איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן געהאַט גייס־טיקייט און די ברכה פון יום־טוב האָט גערוט אין זייער נשמה. יענע וואָס געפינען ניט קיין טעם אין שבתים און יום־טובים — איז אַ סימן, אַז זייער נשמה איז פוסט און זייער תוך איז וואָכעדיק, און פאַר אַזעלכע איז שוין ניטאָ קיין תקנה.

בעצם איז איבער אַלע גלות־לענדער ניט פאַראַן קיין שענערער און ליבערער שבת פון ארץ־ישראל׳דיקן שבת און דווקא צוליב דעם זעט אונדז אויס דער מינדסטער חילול־שבת, ווי אַ פּריצות־הגדר, און רעגט אונדז זייער שטאַרק אויף. איך זע אין דעם אַ גוטן סימן. ס׳איז אַ צייכן אַז אונדזער געפיל פאַרן שבת איז דאָ שטאַרק פאַרשאַרפט געוואָרן און ווערט באַליידיקט פון דער קלענסטער פגימה. לאָמיר גלויבן און זיין זיכער, אַז מיטן געזונט־ווערן פון אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן גוף, וועלן אויך געזונט ווערן זיינע גייסטיקע חושים, און ער וועט מבחין זיין אַ פולע הבחנה צווישן וואָכעדיקייט און הייליקייט און דער שבת וועט זיך אומקערן צו זיין מלכות אין זיין גאַנצער שיינקייט און פראַכטיקייט. (פון „ספר ביאליק״)

ה

## װעגן „אוהל שם״ און „עונג-שבת״

איך וויל דאָ אויפקלערן דעם תמצית פון געדאַנק פון „עונג־שבת״. מיר קומען קיין ארץ־ישראל צו באַנייען אונדזער לעבן; מיר ווילן דאָ באַשאַפן אַן אייגנאַרטיק לעבן, וואָס האָט זיין אייגן פנים און אַן אייגענעם כאַראַקטער און די גרינדער פון „עונג־שבת״ האַלטן, אַז כדי צו באַשאַפן נאַציאָנאַל־אָריגינעלע לעבנס־פאָרמען — מוז מען נעמען דאָס מאַטעריאַל פאַר די דאָזיקע שאַפונגען פון די גרונטשטיינער פון די אַמאָליקע לעבנס־פאָרמען; און אויב מ׳מוז האַקן פון די סאַמע אונטערשטע שטיינער — מוז מען נעמען פון די שטאַרקסטע, פון דעם האַרטסטן יסוד. און די האָבן ניט געפונען קיין העכערע און טיפערע פאָרעם מיט וועלכער אָנצוהייבן שפינען די דאָזיקע אָריגינעלע לעבנס־פאָרמען, ווי די יצירה פון שבת, וואָס איז געווען, כידוע, נאָך פאַר מתן־תורה און וואָס נאָך אין מצרים האָבן די קינדער פון ישראל אָפּגעהיט שבת. און באמת, דער שבת איז דער גרונטשטיין פון גאַנצער אידישקייט און ניט אומזיסט ווערט שבת אָנגערופן „דער צייכן פון בונד״ צווישן גאָט און צווישן אידישן פאָלק. אין שבת זיינען פאַרוויקלט אַ סך נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע געדאַנקען, און אויב אין די „עשרת־הדברות״ ליגט פאַרוויקלט די

גאַנצע תורה, זיינען אפשר אין שבת פאַרוויקלט און פאַרקניפּט אַלע עשרת־הדברות. דער עכטער צילפּונקט — איז דער, וואָס איז אַריינגעגעבן אין סאַמע צענטער, און דער גאַנצער היקף ציט פון אים זיין יניקה אין אַ גלייכער מאָס. וואָס האָבן אידן געטאָן? זיי האָבן גענומען דעם שבת און אים אַריינגעשטעלט אין צענטער. דאָס פאָלק ישראל האָט אַ שליטה אויף דער צייט. די אידן באַשטימען די צייט פאַר זייערע יום־טובים און פון הימל איז מען מיט זיי מסכים — „שבת איז איבערגעגעבן צו אייך אין די הענט און איר זענט ניט איבערגעגעבן צום שבת". שבת הויבט מען אָן צו ציילן פון פערטן טאָג אין וואָך, אין וועלכן די ליכטער זיינען אויפגעהאָנגען געוואָרן אין צענטער. אידן האָבן איבערגערוקט דעם זייגער פון דער נאַטור, כדי איינצושטעלן דעם שבת אינמיטן, ווי אַ צענטראַלן פּונקט אין אַן עיגול — אין דער בחינה פון אַ מנורה, וואָס אַלע רערן אירע ווענדן זיך צום שבת, ווייל מ'מעג דאָך אפילו מאַכן הבדלה דריי טעג נאָכן שבת. זיבן טעג — דאָס איז אַן עיגול. און די צייט האָט אָנגעהויבן גיין אין אַן עיגול: זיבן יאָר פון שמיטה, נאָך זיבן שמיטות — שבת־שבתון, דאָס יאָר פון יובל. ס'איז ווי די צייט האָט זיך אָנגענומען מיט אינהאַלט און פול געוואָרן מיט קדושה, דער שבת איז אַ סימבאָל פון דער אייביקער ווידערהאָלונג פון עיגול. אויב מיר קערן זיך צוריק קיין ארץ־ישראל — מוזן מיר זיך צוריקקערן מיטן שבת, דער סימבאָל פון לויטער חן און שיינקייט, וואָס פון אים קענען מיר שעפּן ליכטיקייט פאַר אַלע אונדזערע לעבנס־פאַרמען.

מיר ווייסן, וואָס ס'מיינט אַ העכערער סטיל און שטרעבונג פאַר פולקאָמענהייט. דער אַלטער שמאי — יעדע גוטע זאַך וואָס ס'איז דורך דער וואָך געקומען צו זיין האַנט, האָט ער זי געלאָזן אויף שבת. דער שבת הייליקט דאָס שיינקייטס־געפיל פון גאַנצן פאָלק. אויב מיר באַקלאָגן זיך אויף דער מכה פון סטיללאָזיקייט אין אונדזער לעבן, קענען מיר אָנהייבן מיטן שבת צו באַשאַפן אַ סטיל. דער דאָזיקער טאָג איז ראוי, אַז מענטשן זאָלן זיך באַגעגענען אין אים; אין שבת וואָס איז געגעבן געוואָרן נאָך פאַר דער תורה און וואָס איז העכער פון דער תורה, און איז דער סימבאָל פון שלום און אחדות. פאַראַן ביי אונדז אַ סך פאַרטייען מיט אייגענע תורות און אייגענע „שולחן־ערוכ'ס" — זאָל שבת זיין דער סימבאָל פון אַחדות. דאָס איז די כוונה פון די מסיבות פון „עונג־שבת", ווי אַ התחלה פון אונדזער באַנייאונג דאָ. אין דעם טאָג דאַרפן זיך באַגעגענען אַלע זעקס רערן אונדזערע צו דער מנורה, פאַר אַ שבת של שלום, וואָס פאַראייניקט אַלע הערצער און וואָס דערמאָנט יעדן איינעם, אַז מיר האָבן טיפע וואָרצלען און מיר שטרעבן צום הימל.

דורך אַן אינערלעכן אינסטינקט און דורך פשטות — האָט קהל דערשפּירט דעם ווערט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, און ציט זיך אַהין אָן איבעריקע חקירות, דעריבער זיינען מיר עדות אויף דער דאָזיקער דער־

שיינונג, אַז אַלט און יונג, רעכט און לינק, קלייבן זיך אַהין צונויף, אָן אונ־טערשייד. מיר האָבן געגרינדעט לעקציעס פאַר תנ"ך און קהל רייסט זיך צו הערן „גאָטס וואָרט". מיר האָפן, אַז אַפילו נאָכדעם ווי „גאָט וועט אויס־ברייטערן אונדזער גרענעץ" און מיר וועלן האָבן אַ גרויס הויז, וואָס זאָל קענען אַריינעמען טויזנט מאַן, זאָל אונדז אויך דאָס פּלאַץ זיין ענג. אין די צייטן פון אר"י האָט דער שבת באַקומען אַ נייע שטאַרקייט און אַ ניי־ליכט. און איצט, ווען מיר הערן „די טריט פון דער גאולה" מוז דער אינהאַלט פון שבת זיין הייליק, און אפשר דערפון וועט קומען אַ נייער גייסט פאַר אונדזער גאַנצן לעבנסגאַנג. — — —

נאָכן קנין פון דער תורה — איז דער הייליקסטער און טייערסטער קנין ביי אידן דער טאָג שבת. אַזוי ווי די תורה איז דער ספר־הברית ביי אידן, אַזוי איז שבת דער צייכן פון בונד צווישן אידן און גאָט. אויב פון אַלע מצוות וואָלט בלויז געבליבן דער שבת — וואָלט דער שבת מציל געווען די אידישקייט פון אונטערגאַנג. שבת איז דער גרונטשטיין פון וועלכן אַלע אַספּעקטן פון אידישקייט זיינען אויסגעשניטן. דער שבת איז פאַרבונדן מיט אידישן וועלט־באַגריף פון לעצטן מאָמענט ווען דער וועלט־באַשאַף איז פאַר־ענדיקט געוואָרן. און אויב די תורה האָט געוואַרט טויזנט דורות פאַר אידן, האָט דער שבת געוואַרט זעקס און צוואַנציק דורות פון בריאת־העולם ביז מתן־תורה. און פאַרן דאָזיקן שבת, וואָס איז דער צייכן פון בונד צווישן אידן און גאָט, איז דאָס דאָזיקע הויז געהייליקט. צוויי קדושות — צוויי בינד. אין דעם באַגריף פון אידישן פאָלק איז שבת ניט קיין ציל, קיין סיום, נייערט אַ צענטער. דער שבת שטייט ניט אין סוף פון דער וואָך, נאָר אינמיטן, צו דריי טעג פון ביידע זייטן, וואָס שפּייזן זיך פון מיטעלן טאָג.

(ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פון „אוהל שם")

## ד"ר מ. גליקסאָן

## וועגן שבת

...„אַ גוטע מתנה" האָבן מיר אויף דער וועלט און איר נאָמען איז שבת. און דאָ איז די גרויסקייט פון שבת, וואָס מ'קען זיך צוקוקן צו אים פון יעדן מעגלעכן אַספּעקט: פון זיין רעליגיעזן אַספּעקט, פון מענטשלעך־אוני־ווערסאַל־סאָציאַלן אַספּעקט, פון נאַציאָנאַל־היסטאָריש־קולטורעלן אַספּעקט — און אַלעמאָל וועט דער שבת זיך צו אונדז אַנטפּלעקן אין זיין פולער הייליקער פּראַכט און מיט זיינע פרישע לעבנס־כוחות. און מיר, די קינדער פון היינטיקן דור, די בויער פון אונדזער היימלאַנד און די אויפלעבער פון דער אידישער שאַפונג, אונדזער נשמה דאַרף זיין וואַך און צעעפנט פאַר דער דאָזיקער נאַרהאַפטער שיינקייט, הגם ניט אַלע פון די דאָזיקע אַספּעקטן זיינען נאָענט צום האַרצן אין אַ גלייכער מאָס.

פון זיין רעליגיעזן ווערט, דעם ערשטן און צענטראַלן ווערט פון שבת, דאַרף מען פיל ניט ריידן. אַ בכבודיק פּלאַץ איז אָפּגעגעבן צום שבת אין די עשרת הדברות פון דער ערשטער רעליגיעזער אַנטפּלעקונג פון באַרג־סיני. די מצוה פון שבת שטייט אין דער ערשטער שורה צווישן די עלעמענ־טאַרע מענטשלעך־עטישע פליכטן. אין דעם ערשטן נוסח פון די עשרת־הדברות, אין דעם פון ספר־שמות, ווערט די מצוה פון שבת באַגרינדעט דורך איר קאָסמיש־רעליגיעזן אַספּעקט: ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און אַלץ וואָס אין זיי און גערוט אויפן זיבעטן טאָג, דערי־בער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און אים געהייליקט. דאָס זיינען אומגעפער די זעלבע רייד ביים סוף פון דער ערשטער פּרשה פון מעשה־בראשית. (ויכולו) דער שבת, לויט דעם, איז די פאַרפולקאָמונג פון דער יצירה און איר קרוין, דער סימבאָל און אויסדרוק פון גרויסן קאָסמישן עיקר פון דער שאַפונג, אָדער פעולה און באַוועגונג, און פון נויטווענדיקן קאָרעלאַט אירן — פון רו. און צוזאַמען מיט דעם געפינט מען שוין אין דעם דאָזיקן ערשטן נוסח פון די עשרת־הדברות דעם מענטשלעך־סאָציאַלן אויס־פיר פון ערשטן רעליגיעזן עיקר: „און דער זיבעטער טאָג איז הייליק פאַר גאָט, דיין גאָט, זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן.״ דאָ דריקט זיך אויס דער פולער אָריגינעלער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער הויכער שאַפונג, דער וואונדערלעכער סינטעז פון רעלי־גיעז־קאָסמישן יסוד און דעם מענטשלעך־סאָציאַלן. דאָס רעליגיעזע גלויבן און דער דראַנג פאַר עטיק גיסן זיך צונויף אין איין העכערער אַחדות. און דעריבער האָט שבת געפונען פּלאַץ אין די עשרת־הדברות, וואָס אַנטהאַלטן אייגנטלעך בלויז עטיש־שכל׳דיקע מצוות. דער עטיש־סאָציאַלער יסוד פון שבת איז מערער בולט אין צווייטן נוסח פון די עשרת־הדברות, אין ספר דברים. דער טעם פאַר דער מצוה פון שבת ווערט דאָ ניט אָנגעגעבן מחמת די זעקס טעג פון יצירה, נאָר דורך דעם קלאָרן סאָציאַלן מאָטיוו: „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט ווי דו אַליין, און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים און גאָט, דיין גאָט, האָט דיך אַרויסגעפירט פון דאָרט מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם, דאָרום האָט גאָט, דיין גאָט, דיך באַפוילן צו מאַכן דעם שבת״. אַזוי איז שבת געוואָרן דער יסוד פון עטישן סאָציאַליזם, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ סימבאָל און אַ משכון פון דער מענטשלעכער גלייכהייט: כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט ווי דו אַליין. (אומגעפער, ווי ס׳שטייט וועגן פליכט פון מענטשנליבע: און דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין) אַן אייביקער לעבעדיקער עדות פון דער עלעמענטאַר־עטישער לערע פון אידנ־טום. שבת איז דער סימבאָל פון עטישער גוטסקייט, פון משפט און גערעכטי־

קייט. „דער וואָס היט אָפּ שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן—היט אויך אָפּ זיין האַנט פון צו טאָן שלעכטס". (ישעיה נ״ו, ב׳) ס׳איז ניט נאָר אַן „אייביקער בונד" צווישן גאָט און צווישן די קינדער פון ישראל; זיין כאַראַקטער איז אַן אוני־ווערסאַל־מענטשלעכער און איז אַן ערב פאַרן תיקון פון דער וועלט. „און אויך די פרעמדגעבאָרענע, וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט... איטלעכער וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד — וועל איך זיי ברענגען צו מיין הייליקן באַרג און וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט... וואָרן מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער." דער דאָזיקער מענטשלעך־אוניווערסאַלער כאַראַקטער האָט ביז צו אַ געוויסן גראַד געמאַכט דעם שבת פאַר אַ ירושה פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער, מיט זייער ווילן און אָן זייער ווילן. ס׳האָבן ניט געהאָלפן די באַמי־אונגען פון דער קריסטלעכער קירך צו פאַרטושירן זיין אָריגינעל־אידישן כאַראַקטער, אים צו פאַרבייטן אויף אַן אַנדער טאָג און אים צו מאַכן פאַר אַ יום־זכרון פון ישו׳ס רעזורעקציע: זיין סאָציאַל־מענטשלעכער כאַראַקטער האָט זיך אויפגעהיט דורך אַלע זיינע גלגולים, ביז ער האָט סוף־כל־סוף אויפגעלעבט אין דעם מאָדערנעם קאָדעקס אין געשטאַלט פון צוואַנג־פאַר־פליכטונג פון זונטיק־רו. מ׳קען אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז דער שבת איז אַן עלע־מענטאַר־סאָציאַלער געזעץ פון די אַמעריקאַנישע און איראָפּעאישע פעלקער.

דער ערשטער סאָציאַלער כאַראַקטער פון שבת האָט געשטעלט זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער סאָציאַלער געזעצגעבונג פון די אַלטע העברייער. דער נאָמען שבת איז געוואָרן אַ סינאָנים פאַר יעדער תקנה און אַ אינסטי־טוציע פאַר נויטבאַדערפטיקע אין עיקר פון גלייכהייט. די צאָל זיבן איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַרן דראַנג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. „אויפן זיבעטן יאָר זאָל זיין אַ שבת־שבתון פאַרן לאַנד, אַ שבת צו גאָט... און די שבת־פּרוכט פון לאַנד זאָל זיין פאַר איך צום עסן, פאַר דיר און פאַר דיין קנעכט און פאַר דיין דינסט און פאַר דיין געדונגענעם און פאַר דיין איינגעוואַנדערטן, וואָס האַלטן זיך אויף ביי דיר". און דאָס זיבעטע יאָר איז אויך אַ יאָר פון שמיטה פאַר געלטער, אַ יאָר ווען פון לייער ווערט אַראָפּגענומען דער יאָך, אויב ער קען ניט צאָלן זיינע חובות. „צום סוף פון אַלע זיבן יאָר זאָלסטו מאַכן שמיטה. יעטווידער מלוה זאָל אָפּלאָזן וואָס ער האָט אַנטליען זיין חבר, ער זאָל ניט פּרעסן זיין חבר און זיין ברודער". און דאָס זיבעטע יאָר איז אויך אַ יאָר פון באַפרייאונג פאַר אַ מענטשן, וואָס איז צוליב זיין אָרעמקייט פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ שקלאַף: „זעקס יאָר זאָל ער אַרבעטן און אויף דעם זיבעטן זאָל ער אַרויס פריי". און אויב דאָס אַלץ איז נאָך ניט גענוג — קומט דאָס יאָר פון יובל „צום סוף פון זיבן שבתים פון יאָרן", אויסצובעסערן די אַנדערע סאָציאַלע איבלען, און ספּעציעל דעם גרויסן איבל פון אַבסאָלוטן רעכט אויף ערד־אייגנטום. „און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציק־

סטע יאָר און אויסרופן פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע זיינע באַוואוינער... און איר זאָלט אייך אומקערן איטלעכער צו זיין נחלה און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן".

און ווען אידן האָבן געזינדיקט און מזלזל געווען מיט דער „גוטער מתנה" וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פון גאָט־ברוך־הוא׳ס אוצרות, געזינדיקט אין אָפּהיטן די קדושה פון טאָג שבת און אין איר סימבאָלישער אויסברייטערונג, אין תיקונים און גרויסע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס — און זיינען באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייער זינד און זייערע לעבנסקוואַלן זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן, זייערע אָריגינעל־נאַציאָנאַלע לעבנס־געשטאַלטן — איז אויפגעשטאַנען דער נביא פון טרייסט זיי אָנצוזאָגן פון זייער אויפלעבונג און אינאיינעם מיט זיי אויך די אויפלעבונג פון שבת: „דעמאָלט וועט אויסברעכן ווי דער פרי־מאָרגן דיין ליכט און דיין היילונג וועט אַרויסשפּראָצן גיך... אַז דו וועסט אָפּטאָן פון צווישן דיר פאַריאָכונג, טייטלען מיטן פינגער און רעדן אומרעכט... און מ׳וועט אָפּבויען ביי דיר אייביקע חורבות, גרונטפעסטן פון דור־דורות וועסטו אויפשטעלן... אויב דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס פון טאָן דיינע עסקים אין דיין הייליקן טאָג און וועסט רופן שבת אַ תענוג... וועל איך דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד און דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב".

דער דאָזיקער אָריגינעלער סינטעז פון גייסטיק־רעליגיעזן יסוד מיטן סאָציאַל־מענטשלעכן יסוד אין שבת האָט אין פאַרלויף פון צייט זיך אַנט־פּלעקט אין אַן אַנדער אָריגינעלער שאַפונג פון אידישן גייסט, וואָס איז אויך פאַרבונדן פון איר אָנהייב אָן מיט דער קדושה פון שבת — אין לימוד־התורה און אין ידיעת־התורה. דער טאָג שבת, דער טאָג פון רו און גייסטי־קייט פאַר רייך און אָרעם, אַ טאָג וואָס איז מסוגל פאַר קאָנצענטרירונג פון גייסט און פאַר דער „נשמה יתירה" — איז געוואָרן ממילא און אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַר אַ טאָג פון לערנען תורה. און ווי דער שבת אַזוי האָט אויך דער לימוד־התורה אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, ער האַלט זיך אויפן עיקר פון אַבסאָלוטער גלייכהייט, און מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן רייך און אָרעם. אַזוי איז מיט דער קריאה בציבור שבת צום דאַווענען. דער שבת׳דיקער לימוד־התורה האָט זיך ניט איינגעשרומפּן אין די באַשטימטע גרענעצן פון דער סדרה פון וואָך, נאָר האָט זיך איינגעפלאָכטן אין דעם גאַנצן מהות פון שבת, אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און שאַטירונגען — „אַ העלפט פאַר גאָט און אַ העלפט פאַר אייך" — אַזוי האָט דאָס פאָלק געשפּונען מיט זיין אייגנ־אַרטיקן שאַפונגסגייסט, פון אַלטע נאַרהאַפּטיקע גרויסע מסורות די וואונדער־לעכע מסכתא פון לעבן, זיין „מסכתא שבת" און אויסגעוועבט טייערע אייגנ־אַרטיקע בילדער, וואָס זיינען אים געווען אַ שוץ פאַר פּורעניות׳ן דורך די לאַנגע פינצטערע צייטן. דער שבת איז געוואָרן אַ קוואַל פון לעבן פאַרן

פאָלק ישראל און פאַרן אידישן נאַציאָנאַליזם, אַ קוואַל פון ברכה און נחמה פאַר אַן אומגליקלעך, געֿרודפ׳ט פאָלק. ער איז געוואָרן דער מלאך הגואל פאַרן אומגליקלעכן בן־מלך, וואָס אַ גאַנצע וואָך לעבט ער אַ לעבן פון שקלאַ־פערייִ און שפלות און אויפן זיבעטן טאָג קער׳ט אים די מלכה־שבת אום זיין כבוד, זיין מלכות׳דיקן כבוד אין וועלט פון גייסט. צוזאַמען מיט די שבת־ליכט ווערט אָנגעצונדן אַ הייליק פייער אין האַרץ פון שקלאַף, דאָס שטילע לויכטנדיקע פייער פון רו און שמחה, פון מצוה און פון נשמה־יתירה. די מלאכים פון שלום קומען אַרונטער אין יעקב׳ס געצעלטן, זיי צו בענטשן און זיי צו הייליקן. דאָס גאַנצע אידישע לעבן באַקומט אַן אַנדער פנים פרייטיק פאַר נאַכט. „איך בין שוואַרץ אָבער שיין — שוואַרץ בין איך אַ גאַנצע וואָך, אָבער שיין אין שבת“, זאָגט דער מדרש. און נאָך: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און ער האָט אים געהייליקט“ — ער האָט אים געבענטשט מיטן ליכטיקן פנים פון מענטשן, ער האָט אים געהייליקט מיטן ליכטיקן פנים פון מענטשן, דאָס ליכט פון מענטשנס פנים פון אַ גאַנץ וואָך איז ניט גלייך צום ליכט פון זיין פנים אין טאָג פון שבת. אַן עסטעטישן חוש האָבן אונדזערע אָבות אַנטפּלעקט אין יענער צייט, ווען דאָס פאָלק ישראל איז נאָך געווען ערלעך אין האַרצן, און זיין נשמה איז נאָך ניט געווען צעריסן אויף שטיקער. אַ ספּעציפישער כוח־יצירה, פון לעבן און נשמה, זיינען דעם אידן בייגעשטאַנען אין זיין שייכות מיטן שבת. אַלע קליינע און גרויסע זאַכן פון לעבן פון אידישן מענטשן, זיין הילוך, זיינע מלבושים, זיין עסן און טרינקען — אַלץ טראָגט אויף זיך דעם ליכטיקן חותם פון דער מלכה־שבת. אַן ערנ־געפיל און אַן איינגעבאָרן נאַטירלעך געפיל: „און דו זאָלסט אים אָפּגעבן כבוד“ אַז דיין שבת׳דיק מלבוש זאָל ניט זיין ווי דיין וואָכעדיק מלבוש, אַז דיין גאַנג שבת — זאָל ניט זיין ווי דיין גאַנג אַ גאַנצע וואָך. פון יענעם „געווירץ“, וואָס זיין נאָמען איז שבת — האָט דער אידישער גייסט זיך געשפּייזט דורך דער גאַנצער וואָך. דער שבת האָט אים געגעבן זעלבסט־ווירדע און מענטשלעכן כבוד. אַן אינסטינקטיווער חוש פון גרויסן נאַרהאָפ־טיק־נאַציאָנאַלן ווערט, האָט אונדזערע אַמאָליקע חכמים געבראַכט דערצו אָנצוהענגען דעם נאַציאָנאַלן חורבן אויף חילול־שבת, און פון נאַציאָנאַלער גאולה, לויטן מוסטער פון נביא פון דער נחמה — אַן דאָס אָפּהיטן פון שבת „ירושלים איז חרוב געוואָרן בלויז דערפאַר, ווייל מ׳האָט דאָרט מחלל־שבת געווען“, און, „ווען אידן וואָלטן אָפּהיטן צוויי שבתים כהלכה — וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן.“

אונדזער אַלטער שבת אין באַנייטן היימלאַנד — מיר בויען אים ווידער אין אַזאַ מאָס און אין אַזאַ געשטאַלט, וואָס דער גלות האָט פון אַזוינס ניט געקענט ווּיסן. פאַר אונדזערע אויגן ווערן געשאַפן, ווערן באַנייט, לעבנס־פאָרמען און אַ שטייגער פון שבת. די פאָרמען זיינען אפשר טיילווייז ניי,

אָבער זיי ציִען זייער יניקה פון דעם נאַרהאַפּטיקן און פרישן וואָס ס׳איז פאַראַן אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער טראַדיציע. אויך אונדזער „עונג־שבת“ איז אויף דעם אַן עדות. דער אידישער געזעלשאַפטלעכער שבת איז דאָ אויפגעשטאַנען אין אַזאַ פאַרנעם און אין אַזעלכע פאַרמען, פון וועלכע דער גלות וואָגט אפילו ניט צו חלומ׳ען.

## יעקב פיכמאַן

## וועגן שבת

### א

פון די עלטסטע צייטן אָן, האָט דאָס אידישע פאָלק באַטראַכט דעם שבת, ווי זיינע אַן אייגענע מתנה, אַ ליבהאַרציקע מתנה, ווי אַ צייכן פון בונד צווישן אים און זיין גאָט. אַנדערש וואָלט געווען דער גורל פון אידישן פאָלק, ווען דער שבת וואָלט אים ניט באַשיצט. מ׳קען אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז דער טאָג שבת איז די טייערסטע שאַפונג, די אָריגינעלסטע שאַפונג פון אידישן געניוס. אין קיין שום אַנדער יום־טוב איז דער מהות פון פאָלק, זיין אייגנ־אַרטיקייט, זיינע אידעאַלן, ניט געקומען אַזוי צום אויסדרוק, ווי דורך דעם דאָזיקן הייליקן טאָג.

דער זיבעטער טאָג איז קיינמאָל ניט באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ טאָג, וואָס מענטשן רוען זיך אָפּ פון זייער אַרבעט. ער איז געווען פיל מערער. דאָס איז געווען אַ טאָג פון אַ גרויסער הפסקה, אַן אָפּשטעל פון וואָכעדיקן לעבן — אַ טאָג, וואָס פון אַלע וועלטן פליסט די ריינקייט ווידער אין לעבן אַריין.

דאָס פאָלק האָט פון אייביק אָן געזען אין שבת אַ צייכן פון באַפרייאונג, פון אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון דער ווירקלעכקייט, אַ צייכן פון נצחון. דאָס איז געווען — דער נצחון פון הייליקייט איבער דעם וואָכע־דיקן לעבן, נצחון פון גייסט איבערן חומר — אַ טאָג ווען די שמוץ פון לעבן ווערט בטל און די קדושה איז גובר אין דער וועלט.

ניט אומזיסט איז דער דאָזיקער טאָג פאַרהייליקט געוואָרן מער פון אַנדערע טעג, אין אַזאַ מאָס, וואָס יעדער איינציקער דור האָט אים באַקרוינט מיט נייער פראַכט און אים פון דאָס זייניקע צוגעגעבן קדושה. דער שבת איז פאַר יעדן דור און דור געווען אַ באַהעלטעניש פון חסד, אַ שוץ פון בטחון אין טעג פון צאָרן. יעדער איינציקער דור האָט באַנומען, אַז דער שבת האָט אָפּגעהיט ס׳פאָלק פון פאַרלענדונג, פון ירידה, פון גייסטיקער און קערפּער־לעכער געפאַלנקייט. יעדער איינציקער דור האָט באַנומען, אַז דער שבת האָט מציל געווען דאָס פאָלק, איז געווען ביי אים אַ קוואַל פון געזונט, פון נייע כוחות, פון אייביקער באַנייאונג.

אַלץ וואָס די פאַרשקלאַפנדיקע זעקס וואָכעדיקע טעג — האָבן פאַר־דאָרבן — האָט געפונען זיין תיקון אין טאָג פון שבת.

די קדושה פון שבת איז ניט בלויז אַ קדושה וואָס קומט פון טראַדיציע. אין דעם דאָזיקן אידעאַל איז פאַרבונדן די האָפענונג פון מענטשן, דער חלום פון די צוקונפטיקע דורות.

מיטן שלימות׳דיקן שבת הייבט זיך אָן יעדע מענטשלעכע באַפרייאונג. דער רוף פון אַ נײַ לעבן איז אין אים איינגעשלאָסן. ווער ס׳איז צוגעגרייט פאַרן טאָג פון פולשטענדיקער רו — איז ניט מער קיין פאַרשקלאַפטער. דער שבת, ווי אַ טאָג פון הייליקן זיך, פון זיך אויפהויבן איבער די קליינע דאגות פון לעבן, פון זיך אָפּשאָקלען פון וואָכעדיקן שטויב, — איז אַ טאָג פון מענטשנס צוגרייטונג צו אַן אַנדער לעבן. אָן דער דאָזיקער הפסקה קען די מענטשהייט ניט אויסגעלייזט ווערן.

דער שבת האָט צוגעגרייט ס׳אידישע פאָלק צו אַן אַנדער לעבן, צו אַ שענער און בעסער לעבן. ער האָט געבראַכט די אידישע משפחה צו אַ לעבן פון ליבשאַפט און פון שלום. אין אָן אַ שיעור לעגענדעס און מדרשים איז אַנגעוואונקען דער געדאַנק, אַז דער טאָג פון שבת איז אַ טאָג, ווען מענטשן דאַרפן זיך איבערבעטן, אַריינצופירן שלום צווישן מאַן און ווייב, צווישן טאַטעס מיט קינדער. ניט בלויז טאָן עפּעס אָן אַרבעט איז באַטראַכט געוואָרן פאַראַ חילול־שבת, נאָר יעדע מחלוקה און ברוגז, יעדע זאַך וואָס האָט גע־שטערט דעם שלום־בית. דער שבת איז געוואָרן אַ מוסטער פון אַ שיין פאַמיליענלעבן.

אַזוי איז דער שבת געוואָרן ווי אַ מין סאַליע, וואָס אַהין טאָר מען די וואָכעדיקע שמוץ ניט אַריינטראָגן. אויפן שוועל פון יענער סאַליע איז אָפּ־געווישט געוואָרן יעדע ביטערקייט, פאַרגעסן יעדע באַליידיקונג, אַנטשוויגן יעדער זיפץ. „ס׳איז שבת און מ׳טאָר ניט שרייען" און אַלץ ווערט בטל, אָפּגעוואָרפן. אַלע שאָטנס פון לעבן ווערן פאַרשוואונדן ביי דעם שיין פון די שבת׳דיקע הייליקע ליכט.

די אידישע לעגענדע פון אַלע צייטן האָט דעם שבת אויסגעצירט מיט די גילדערנע באַצירונגען פון פאַנטאַזיע און פּאָעזיע. שבת איז געוואָרן די כלה, ס׳געשטאַלט נאָך וועלכן ס׳פאָלק האָט געבענקט, דאָס פאָלק וועמען ס׳האָט פון אייביק אָן געפעלט בטחון און רו. דער איד שפּאָרט זיך אָן אויפן שבת. שבת איז דער יסוד פון זיין לעבן, דער הויכפּונקט פון זיין קיום. די גאַנצע מי זיינע, וואָס ער האָט זיך געמיט דורך דער וואָך, איז געווען נאָר פון זיין כבוד וועגן. מיט פאַרגעניגן האָט ער פון אַלץ זיך אָפּגעזאָגט דורך די וואָכעדיקע טעג, האָט מוחל געווען יעדע הנאה, אַבי דעם טאָג שבת זאָל קיין זאַך ניט פעלן. פאָרוואָר, דאָס שמאַכטן נאָכן שבת האָט אויך די טעג פון וואָך אָנגעטרונקען מיט אַ העכערער שמחה.

דער שבת איזביים פאָלק ישראל געוואָרן דער יסוד פון דער וועלט. שבת איז געוואָרן אַ טייל פון דער נאַטור. געוואָרן דער תכלית פון דער וועלט. דאָס גאַנצע באַשאַף איז ניט מער ווי אַ הכנה, אַ מין צוגרייטונג פאַרן שבת — פאַר זיין באַקרוינונג. די גאַנצע וועלט איז ניט מער ווי אַ „געמאָלטע און געצירטע" חופה, לכבוד פון שבת. די זעקס טעג פון וועלט־באַשאַף זיינען ניט מער ווי איין ערב־שבת.

דורכן משך פון צייט איז שבת אויך געוואָרן דער סימבאָל פון אַ קומענדיקער וועלט. שבת איז איין זעכציקסט־חלק פון עולם־הבא. איז אַ רמז אויף דער גאולה. ניין, ס'איז אַ דוגמא פון גאולה, פונעם לעבן אין משיח'ס צייטן. דעריבער האָט מען אָן שבת אָנגעהאַנגען אַלע האָפענונגען, אים גע־מאַכט אַ תנאי פאַר גאולה. די אַבסאָלוטע שמירה פון שבת איז געוואָרן דער סימן פון העכסטער מסירת־נפש. אין דעם אָפּהיטן פון שבת דורכן גאַנצן פאָלק האָט מען געזען אַזאַ שטאַרקן פאָלקסווילן, וואָס דורך אים קען מען פאַרגיכערן די גאולה.

„ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת — וואָלט קיין אומה ולשון ניט געהאַט אויף זיי קיין שליטה".

און „ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי תיכף אויסגעלייזט געוואָרן".

ווער קען אויסציילן אַלע לעגענדעס און מאמרים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן לכבוד דעם שבת! די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיך ניט געקענט גאָר זעטיקן. די נשמה פון פאָלק איז פול געווען מיט אַזויפיל דאַנק פאַר דער גוטער מתנה אין וועלכער זי האָט זוכה געווען, אַז זי האָט ניט אויפגעהערט מאַכן קרוינען פאַר זיין געליבטן טאָג. דער דאָזיקער טאָג איז געוואָרן דער קוואַל פון יעדער קדושה, דער קוואַל פון יעדער פראַכטיקייט. אין שבת איז קאָנצענטרירט די גאַנצע תורה:

„שבת איז וויכטיק ווי אַלע אַנדערע מצוות אינאיינעם". „שבת וועט ביי אידן קיינמאָל ניט בטל ווערן".

דער שבת האָט פאַרלייכטערט די לאַסט פון לעבן. האָט פאַרלייכטערט דעם יאָך פון גלות. ניט אומזיסט האָבן אַלע שונאי־ישראל פון אַלע צייטן געזוכט מבטל צו זיין דעם שבת. זיי האָבן אַלע געשפּירט, אַז דאָ איז דער שוצפּונקט, אַז דאָ איז דער עליקסיר פון לעבן פאַר דער גע'רודפ'טער אומה, און כל־זמן זיי האָבן דעם שבת אין האַנט, איז ניטאָ דער כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיי קענען פאַרלענדן. „דאָס קומט אונדז צו לערנען, אַז זיי האָבן אין מצרים געהאַט אין די הענט מגילות, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך קוויקן פון שבת צו שבת" — דערציילט דער מדרש. נאָך פּרעה האָט געשפּירט, אַז שבת איז די צייט פון וואַקסן, ווען יעדע אונטערדריקונג ווערט פון זיך אַליין בטל, אַז אין דעם דאָזיקן טאָג שפּראָצן אויף ביים דאָזיקן פאָלק

די פליגלען פון גאולה, און מ׳קען זיי ניט פולשטענדיק פאַרשקלאָפן כל־זמן דער שבת ווערט אויפגעהיט.

דער שבת האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע און אין זיין פּאָעזיע אין אַ לעבעדי׳ק געשטאַלט, אין אַ חנ׳עווודיק געשטאַלט, פול מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט, וואָס האָט געשוועבט איבערן לעבן פון פאָלק און געזייט מיט ריינקייט, און געשפּרייט מיט נחמה. וואָס וואָלט געוואָרן פון לעבן פון דעם אידן, וואָס שלעפּט זעקס טעג אַ וואָך דעם שווערן יאָך פון פרנסה, וואָס פאַלט אונטער דער לאַסט פון דאגות און יסורים, פון וועלכע ס׳איז ניטאָ קיין אויסגאַנג, ווען ניט אין זכות פון שבת, וואָס האָט געלויכטן צו אים גנעדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — ווען ניט שבת, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך דערלייזונג, געטראָגן מיט זיך רו און איז געווען זיין שכר און פאַרגיטיקונג פאַר אַלע זיינע ווייטיקן און באַליידיקונגען ?...

דאָס דאָזיקע ווייסע געשטאַלט וואָס טראָגט מיט זיך איר גנאָד — האָט אַ גאַנצע וואָך געשוועבט איבער דעם גיהנום פון דער אידישער גאַס. דער שבת האָט אַביסל אויסגעגלעט די קנייטשן פון די פאַרביטערטע מענטשן, האָט אַריינגעגאָסן קינדערשע פרייד אין דער דאָזיקער טרויעריקער וועלט, אויף וועלכער די דאגות און מאַנגל האָבן תמיד געוואָרפן אַ שוואַרצן שאָטן. שבת — איז געווען די האָפענונג, דער שטילער האָפן, וואו דאַרטן רוען זיך אויס אַלע מידע און פאַרמאַטערטע.

די אַלטע לעגענדע פון סמבטיון, וואָס וואַרפט מיט שטיינער אַ גאַנצע וואָך און שבת רוט ער, סימבאַליזירט אויף אַ ספּעציפישן שטייגער דאָס דאָזיקע פילן, אַז די אינדערוואָכיקע טעג זיינען טעג פון צאַרן — די צייט פון וועלטלעכן „צאָרן״. נאָר דער טאָג פון שבת שטעלט אָפּ דעם דאָזיקן צאָרן, בעט איבער די ברוגזע כוחות, מאַכט שלום צווישן זיי. קומט שבת — קומט שלום אויף דער וועלט. שבת ווערן פאַרענטפערט אַלע צוויסטיקייטן, אַלע קרומקייטן ווערן אויסגעגליכן. אַלע בייזע כוחות בלייבן איבער מחוץ פון זיין געבענטשטן קרייז. די מידת־הדין ווערט אָפּגעטאָן און דאָס הארץ פון דער וועלט איז ווידער אָפן פאַר גליק, אָפן ווידער פאַר רחמים.

אין טאָג פון שבת ווערט דער איד אינגאַנצן אַן אַנדערער. די קרוין פון מענטשן ווערט אים ווידער אַרויפגעלייגט אויף זיין געבויגענעם קאָפּ. זיין פאַרלוירענער שטאָלץ איז אים ווידער צוריקגעקערט. צוזאַמען מיט די וואָכעדיקע דאגות האָט ער אויך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיינע וואָכעדיקע געפילן, האָט זיך אָפּגעטאָן פון די קליינלעכקייטן פון לעבן, איז נתעלה געוואָרן. די עכטע גרויסע „שבת־אידן״ ווילן ניט בלויז אַ טאָג פריי פון אַרבעט, ווילן ניט בלויז אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאגות. זיי ווילן אויסשפּרייטן אַ פאָדעם פון חן און חסד אויף דער וועלט, אומקערן דער וועלט איר ערשט ליכט, איידער דער שלאַנג האָט אין איר געוואָרפן זיין שמוץ.

## ב

די ליבלעכקייט פון שבת — איז געווען די ליבלעכקייט פון אונדזער קינדהייט. זי האָט אויסגעגלייכט אונדזער גוף, וואָס איז געווען געבויגן אונטערן יאָך פון חדר. אַלע טעג פון דער לאַנגער וואָך האָבן מיר אויף איר געוואַרט, געגאַרט אויף איר קומען. און שוין פרייטיק אינדערפרי, מיטן מעביר זיין די סדרה פון דער וואָך האָט איבער אונדז זיך צעגאָסן די וואַרעמקייט פון שבת. אַן אַנדער ווינטל האָט גענומען בלאָזן און אַלץ האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים, אַ פריינטלעך פּנים. אין שטוב ווי אין דרויסן, אין חדר און אין שול — אומעטום האָט זיך געלאָזט שפּירן, אַז דער יאָך איז לייכטער געוואָרן, אַז ס'קומט און דערנענטערט זיך אַ שעה פון רצון אויף דער וועלט.

אָט קומט שבת, אָט גייט שבת! ווי אַ בת־מלכה אָנגעטאָן אין ווייסן נידערט זי אַרונטער איבער אונדז פון אַ העכערער וועלט. און וואו נאָר די בת־מלכה קומט — פאַרענדערט זי דאָס צאַרנדיקע פּנים פון לעבן. אַנדערש גאָר ווערט דעם טאַטנס אומעטיקע שטוב. אַנדערש גאָר ווערט די וויסטע גאַס! ווי פריילעכע שטערנדלעך ווינקען אַרויס די שבת'דיקע ליכט פון יעדן פענצטער, און דאָס ליכט וואָס פאַלט אויף מענטש און בהמה לייגט אויף אַלץ אַזאַ רואיקייט, ווי ס'וואָלט צוגעזאָגט פריידן ניט פאַר בלויז אַן איינציקן טאָג, נאָר פאַרן גאַנצן לעבן. אַזוי געלאַסן, אַזוי זיכער זיינען די טריט פון דער מלכה, אַז ס'איז ניט צו גלויבן, אַז זי איז בלויז אַ גאַסט ביי אונדז, אַז מאָרגן אָוונט וועלן אירע טריט פאַרשווינדן.

ווי טרויערדיק וואָלט אונדזער קינדהייט געווען אָן דעם שבת! און אַפילו, אַז מיר זיינען אויסגעוואַקסן האָט די גוטע האַנט פון שבת אונדז באַשיצט. איבערהויפּט איז זיין רושם קענטיק אין ארץ־ישראל, אין פּלאַץ, וואו אונדזער קינדהייט האָט זיך ביי אונדז באַנייט, און ס'האַרץ האָט זיך ווידער צעעפנט פאַר קדושה.

אין תל־אָביב און אין חיפה, אין ירושלים און אין טבריה, אין אַלע קאָלאָניעס וואו זיי זיינען, איז צו שפּירן דאָס ליכט פון חסד, וואָס פאַלט איבער דער וועלט אין טאָג פון שבת.

תל־אָביב איז אַ וועלטלעכע שטאָט, אַ מאָדערנע שטאָט, אָבער פרייטיק נאָך האַלבן טאָג — גייט דער שבת און פאַרשפּרייט זיך אין איטלעך ווינקל. דער שטראָם פון לעבן ווערט אָפּגעשטעלט און אַ שטילקייט קומט אַרונטער איבער די טומלדיקע גאַסן. מ'הערט ניט קיין ראָד פון וועגענער און דער אָטאָמאָביל־גערויש ווערט אַנטשוויגן. די גאַסן ווערן ווי אויסגעצויגן לענגער, ווערן ברייטער. אַרונטער אַלענבי־גאַס, נאָענט צום ים, ווערט דער סקווער, אידער ער פילט זיך אָן מיט שבת'דיקע שפּאַצירער, אַ רגע ליידיק, און ער

איז אײנגאַנצן װײס, װי אַ ליכט װאָלט אױף אים אַרונטער. איבערן ים העגנען, װי שבת׳דיקע דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען, געװעבט פון בלױקייט, קלאָרע שקיעה װאָלקנדלעך. װי אַ דינע מחיצה הענגען זײ אַרונטער פון הימל ביזן רואיקן װאַסער. דעם ים האָט זיך צונױפגענומען אין זײן קרײז און רוט מיט דער מנוחה פון הײליקן טאָג. און דער מענטש װאָס זיצט אױפן ברעג ים קען דערשפּירן אינדערלופטן, אין דער גוטער שטילקייט, אין מורמל פון װאַסער די צערטלעכקייט פון שבת. װי ליב און טײער איר זײט ערב־שבת־דיקע פאַרנאַכטן, ביים ים פון אונדזער הײמלאַנד.

נאָך שטאַרקער איז דער אײנדרוק פון קבלת־שבת אין אַלט־ירושלים. דורך שמאָלע געסלעך, אונטער טונקל־װערנדיקע אײזערנע באַלקאָנען, קומען און נידערן אַרונטער כנופיות אידן, אײנע נאָך די אַנדערע, צום כותל־מערבי, מקבל צו זײן דאָרטן דאָס פּנים פון דער מלכה־שבת. מיט ציטערדיקע טריט שפּאַנען אידן אַרומגעװאָשענע, באַנײטע, קאָנצענטרירטע, װי זײ װאָלטן מורא האָבן צו פאַרלירן אױפן װעג אַן אײנאײנציקן טראָפּן פון דער גרױסער שפע װאָס זײ טראָגן אין האַרצן, װי אַ גרױס געשאַנק צו דער מלכה־שבת... דעם גאַנצן װעג, פון מצודת־דוד און אַרונטער, שטראָמען זײ אין זײערע קאָליר־פולע בגדים אין אַ גראַדן שטאַרקן שטראָם, װי שליחים פון אַ גרױסער שליחות; און דער װאָס זעט זײ — גלױבט, אַז זײ זײנען נאָר װאָס געקומען פון אַ װײטן לאַנד און גײען צום ערשטן מאָל אין אַ הײליקער שפּאַנונג צום כותל־המערבי, מקבל פּנים צו זײן דער שכינה.

אין איטלעכן קבלת־שבת איז תמיד געװען אַ פּאַרגעפיל פון דער קומענדיקער גאולה, אַזױ װי אין יעדן שבת־צו־נאַכט האָט געדריקט דאָס געפיל פון דער באַנײטער אונטעריאָכונג, פון אַ ירידה װאָס האָלט זיך אין אַראָפּלאָזן.

אַזױ איז געװען מיט קבלת־שבת, איבערהױפּט אין צפת, אין טבריה, און איבערן גאַנצן גליל. אַ מיסטעריעזע פּראַכט, משיחישע בענקענישן, שװעבן איבערן גליל. דאָס ליד „לכה־דודי", װאָס איז פאַרפאַסט געװאָרן פון צפת׳ער פּאָעט, ר׳ שלמה אלקבץ, איז ניט בלױז אַ ליד פאַר קבלת־שבת, נײערט אַ משיחישער הימן, אַ בשורה פון גאולה.

די מקובלים האָבן געקוקט אױף יענער שעה, װי אױף אַ גרױסער שעת־הכושר, אַ שעה אין װעלכער ס׳איז פאַראַן אַן אַנהײב פון דער גאולה. אַלע האָפענונגען האָבן זײ פאַרבונדן אַן יענער שעה פון רצון, װען אַלע הערצער װערן צוגעגרײט און פאַראײניקט אין אַן אײנציקן געפיל פון פרײד און דערװאַכונג. אין איר האָבן זײ געזען די גרױסע שעה פון זעלבסטדערלײזונג מיטן כוח פון גלױבן, װאָס ציט איר יניקה פון שײן פון שבת. װען אידן װאָלטן נאָר װיסן, װי אַזױ אױסצונוצן די דאָזיקע שעה און זי ניט פאַרשפּעטיקן.

בלױז יענער װאָס האָט אײנגעאָטעמט אין זיך די קלאָרע צפת׳ער לופט אױף דער נאַכט, בלױז יענער װאָס האָט געזען די שבת־ליכט װאָס ציטערן

און די וואַסערן פון כנרת — בלויז יענער ווייס דעם פולן כישוף פון אַ שבת אין גליל. אַלע ווינטלעך וואָס בלאָזן, זאָגן: שבת־שבתון. אַלע פינקלענדיקע שטערן, צעפינקלט אין שבת׳דיקן הימל, זאָגן: די גאולה איז געקומען אויף דער וועלט!

## הלל צייטלין

### 1.

## די מנוחה פון מעשי־בראשית

פאַרפולקאָמט געוואָרן דער הימל מיט זון און לבנה און פאַרפולקאָמט געוואָרן די ערד מיט ביימער און געוויקסן און גן־עדן. און עפּעס וואָס האָט נאָך אַלץ אויסגעפעלט דער וועלט. וואָס אַזוינס האָט דער וועלט געפעלט? — מנוחה. געקומען דער שבת — איז געקומען מנוחה. די רו פון מעשה־בראשית, די רו פון דער וועלט, דער תכלית פון אַלע מעשים פון הימל און ערד, און דער מענטש פאַרזינקט אין סאַמע תוך פון שיינקייט, איז זוכה און קוקט אָן דאָס פנים פון דער שכינה. „האָט דער שבת געזאָגט פאַר גאָט־ברוך־הוא: רבונו של עולם, אַלע האָבן אַ זיווג און איך האָב קיין זיווג ניט. האָט גאָט־ברוך־הוא געענטפערט: ס׳פאָלק ישראל איז דיין זיווג". אַ זיווג: דער מענטש און די וועלט, דער מענטש און די נאַטור, די שלוה פון געדאַנק אין די פּראַקטיקע רו פון דעם גאַנצן באַשאַף. „שבת איז אין דער בחינה פון עולם־הנשמות, אַ וועלט פון כולו שבת, און דאָרט איז מען משיג דעם השם־יתברך אָן קיין שום מחיצה און אָן קיין שום מניעה. ווייל דעמאָלט ווערט אַ פולשטענדיקע אַחדות און איטלעך איינער ווייזט אָן מיטן פינגער: „דאָס איז גאָט אויף וועלכן מיר האָפן!" „דער סוד פון שבת: דאָס איז דער שבת וואָס פאַראייניקט זיך מיטן ווייטן סוד פון „אחד" און קריגט אַ תיקון, אַז דער אויבערשטער הייליקער מלך זאָל אויף אים רוען"...

נאָך מעשה בראשית האָט דער השם יתברך אויפגעלויכטן אַ פּירכ־טערלעכע וואונדערלעכע ליכטיקייט פון אַ פאַרהוילענער וועלט, הייַנו, פון דעם ווי די ברואים זיינען געווען אין זיין מחשבה, אַ זייער גייסטיקע הויה, און זיין פּראַקטיקע שיין האָט אויפגעבלאַנקט אין אַלע מעשי־בראשית, און דער עיקר אין מענטשן, וואָס איז דער שענסטער פון אַלע באַשאַפענע, האָט אויפ־געבליצט אין אים פון פאַרהוילן ליכט פון גאָט־ברוך־הוא׳ס מחשבה.

שבת זיינען אַלע באַשאַפענע צוריקגעקומען צו זייער שורש, מחמת דעם, וואָס די קלאָרקייט פון זייער פאַרהוילן לעבן האָט אויפגעלויכטן, זיינען אַלע באַשאַפענע אָנגעפילט געוואָרן מיט חשק און לוסט צו אים יתברך און זייער גאַנץ באַגער איז צו אים אין גרויסער גלוסטיקייט.

און דער שורש לויכט איבער די צווייגן, און די צווייגן גלוסטן און האָבן דורך אים תענוג און לעכצן נאָך אים און ווערן איין אייניקייט — און אַ ליכטיקייט אַנטפּלעקט זיך פון קדשי־קדשים און לויכט איבער אַלע באַשאַ־פענע, אויף יעדן איינציקן לויט זיין ווערט, אויף איינעם מיט אַ קלענערן ניצוץ און אויף איינעם מיט אַ גרעסערן ניצוץ.

און אויף יעדן טאָג און טאָג פון וואָך רוט די השראה פון שבת, די השראה פון קדושה, די השראה פון שיינקייט.

.2

## וועגן אָפּהיטן שבת

דער שבת וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן ווי אַ מתנה — איז אונדז געגעבן ניט בלויז פאַר דער מנוחה פון גוף, און ניט בלויז דערפאַר, אַז מיר זאָלן ניט טאָן קיין אַרבעט אין געוועלב און אין פעלד. שבת איז ביי אונדז — די מלכה־שבת. די מנוחה פון שבת איז ביי אונדז פון קדמונים אָן — „אַ מנוחה פון ליבשאַפט און באַווילִיקונג, אַ מנוחה פון אמת און פון אמונה, אַ פולשטענדיקע מנוחה, וואָס גאָט־ברוך־הוא באַוויליקט זי״. כל־זמן מ׳באַטראַכט דעם שבת ווי סתם אַ טאָג פון רו, האָבן מיר אין אים קיין חלק און קיין נחלה ניט. מיר זאָגן אין דער שבת׳דיקער מנחה: „דיינע קינדער זאָלן דערקענען און וויסן אַז פון דיר איז זייער מנוחה, און אין זייער מנוחה זאָלן זיי פאַר־הייליקן דיין נאָמען״. בלויז דעמאָלט האָבן מיר אַ חלק און אַ נחלה אין טאָג פון שבת, ווען מיר דערקענען, אַז די דאָזיקע מנוחה פון שבת קומט צו אונדז פון וועלט־באַשעפער, ווי אַ גוטע מתנה וואָס ער האָט אין זיינע אוצרות און פאַר דער דאָזיקער מנוחה דאַרף מען מקדש־השם זיין...

ניט בלויז דאַרפסטו רוען אום שבת, נאָר דאַרפסט אים אויך פאַר־הייליקן. דאָס איז אַן עיקר, וואָס מ׳דאַרף געדענקען און געדענקען יעדן טאָג, און דער וואָס באַזיצט אַן איידעלערן חוש זאָל קומען און מירן אים באַווייזן אויף דעם, וואָס דער לאַדיער רב האָט אונטערגעשטראָכן אין זיין „אגרת־הקודש״: ווי ס׳שטייט געשריבן אין משה׳ס תורה: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, אאַז״וו, און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין גאָט אינגאַנצן — אינגאַנצן צו גאָט.

## א. מ. ליפשיץ

## שבת

לויט די רייד פון די חכמים איז דער שבת און געדאַנק פון שבת געווען פריער פון אידן, און די „כנסת־ישראל איז געוואָרן די באַשערטע פון שבת״ און — „דער שבת גיט צו קדושה צום אידישן פאָלק״ — אָבער, ווי גרויס די קדושה איז, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט צוגעגעבן צום שבת! דער

שבת און די דינים פון שבת זיינען איינגעקריצט אין די עשרת־הדברות, געזאָגט געוואָרן אין די פרשיות פון תורה און דערקלערט געוואָרן אין תורה־שבעל־פה, אָבער די דאָזיקע צורה, וואָס דער שבת האָט באַקומען אין לעבן פון פאָלק — איז אַ גרויסע אידישע יצירה.

דער שבת איז פיל־פנימ׳דיק. פאַראַן אַ שבת פאַר דער וועלט און פאַראַן אַ שבת פאַר אידן. אַ שבת פאַר די אידישע שבטים און אַ שבת פאַר אידישע קינדער. דער שבת איז „אַ צייכן אויף אייביק״, אַ צייכן און אַן עדות. די פרשה פון בראשית איז די פרשה פון שבת. דער געדאַנק פון יצירה איז דער אייגנאַרטיקער ענטפער, וואָס די אידישע תורה האָט געגעבן צו דער פראַגע פון אַלע פראַגעס, צום רעטעניש פון עקזיסטענץ, צום תכלית פון דער הויה, צום סוד פון אַלע סודות, צום מהות פון דער וועלט. פון דאַנען איז דער אויסגאַנגפונקט פון יעדער וועלט־אַנשויאונג; ניטאָ אַ פראַגע אויף דער וועלט, וואָס באַקומט ניט קיין ענטפער פון ערשטן פסוק אין בראשית. און שבת איז אַ צייכן און אַ סימבאָל פון דאָזיקן ענטפער, און פונדאַנען נעמט זיך די גרויסקייט פון שבת ביי אידן. „שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות״. שבת איז געוואָרן אַ יסוד און אַן עיקר, ווייל ער איז דער אויסדרוק פון אַן עיקר אויף וועלכן אַלצדינג האַלט זיך. ער איז ווי אַ פאָן און אַ באַנער, ווי דאָס תמצית פון דער גאַנצער תורה, ווי אַ פירוש און אַ באור פון דער וועלט־אַנשויאונג פון אידישן פאָלק, — אַ צייכן פאַר אידן.

דער געדאַנק פון שבת פון זיין געזעלשאַפטלעכן צד — איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער געדאַנק. ניט אומזיסט איז אַנגעשפאַרט די פרשה פון שבת צו דער יצירה פון מענטשן אין גאָטס געשטאַלט. דער אידישער שבת אין זיין אידישער צורה, איז ווי אַ פרייהייטס־דעקלאַראַציע געגעבן צום באַפרייטן מענטשן, וואָס גלייכט אויס אַלע מענטשן, אַלע וואָס היטן אים זיינען בני־מלכים, פריי פון יאָך פון דער אַרבעט, פריי פון דער פאַריאָכונג פון איין מענטש איבער דעם צווייטן מענטשן, פון אַ מענטשנס באַפעל; יעדער מענטש איז זיין אייגענער האַר, ער האָט ניט אויף זיך די האַרנשאַפט פון אַ בשר־ודם, ניטאָ קיין באַפעלער און ניטאָ קיין באַפוילענער אויף אַרבעט אום שבת. און דעריבער איז דער שבת אַ מין עולם־הבא, ווייל אין אים איז פאַרקערפּערט און סימבאָליזירט דער געדאַנק פון אַ קומענדיקער וועלט. די יצירה איז ניט געווען גאַנץ, עפּעס האָט איר געפעלט, ס׳האָט איר געפעלט די רו, די גייס־טיקע וועלט וואָס איז איבער דער וועלט פון גשמיות — איז „געקומען דער שבת און געקומען רו״. ס׳איז אַריינגעקומען די שפע פון גייסטיקייט אין דער וועלט, אַ דוגמא פון עולם־הבא.

און ווען דער שבת איז געגעבן געוואָרן צו אידן — האָבן זיי זיך פאַר אים מוסר־נפש געווען. זיי האָבן מדקדק געווען און מחמיר געווען מיטן שבת, צוגעלייגט פון וואַכיקייט צו דער הייליקייט, האָבן געמאַכט כמה גזירות

און געשטעלט צאַמען און געמאַכט תיקונים צו תיקונים — און ס׳איז געוואָרן שבת. דער שבת איז אָנגעפילט געוואָרן מיטן פאָלקסלעבן. איז געוואָרן דער יסוד און ווינקלשטיין פון גאַנצן וואָכעדיקן לעבן. מ׳האָט געטראַכט פון אים פון ערשטן טאָג אין וואָך און אָפּגעלייגט „יעדן גוטן חלק" אויף שבת, ווי זיי וואָלטן געלעבט זייער גאַנץ לעבן לכבוד שבת. די פראַגע פון שבת ביי אַן אָרעמען אידן איז שטוב איז געווען אַ לעבנס־פראַגע. זיי האָבן געמאַכט חברות צו באַזאָרגן אָרעמע מענטשן מיט שבת, און יעדער פאַרמעגלעכער באַלעבאָס האָט געבראַכט אורחים צום שבת׳דיקן טיש און זיי געגעבן עסן. און אין לעבן פון די אידישע שבטים: ספרדים, אשכנזים, פערסיער, תימנ׳ער — האָט דער שבת אַ ספּעציפיש פאָלקסטימלעך פנים. דער שבת איז פאַרוואָרצלט אין פאָלקסלעבן און קולטור פון די אידישע שבטים.

דורך די צייטן פון די סופרים און תנאים האָט מען געגעסן די שבת־דיקע סעודות בחבורתא. די מנהגים ביים עסן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן, זיי האָבן אָרומגערעדט, וואָס הייסט דרך־ארץ ביים עסן, זיי האָבן איינגעפירט קידוש און הבדלה, וואָס האָבן געמאַכט רוען אַ באַזונדערע קדושה אויפן שבת־דיקן טיש, ביז צום היינטיקן טאָג. זיי האָבן איינגעשטעלט די מאכלים פאַר די דריי סעודות מיט די געווירצן פון שבת, פון וועלכע מ׳קען לערנען, פון זיי און זייערע נעמען, שטיקער קולטור־געשיכטע, און זיינען ווי צייכנס אויפן וועג פון גלות. זיי האָבן געאייגנט דעם שבת מיט זיין אייגענער כוונה, די סעודה פון רב חדקא, פאַרן איבערקלייבער, לחם־משנה און דעם פאַרמאָט פון דער חלה. און צוועלף חלות פאַר די יודעי־ח״ן, און קוגלען פאַר וויפל ספר־תורה׳ס מ׳נעמט אויס אין יענעם שבת, און דוד המלכ׳ס סעודה פאַר שבת־צו־נאַכט. און די דערהויבונג פון שלש־סעודות ביי די חסידישע רבּיים, און די ספּעציפישע ניגונים פאַרן דאַווענען און די זמירות ביים עסן, און פון ליכט־בענטשן, וואָס איז געוואָרן אַ ווייבערשע מצוה — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ פאַמיליענלעבן אום שבת, אַ שבת, וואָס אין הויז. עס זיינען געשאַפן געוואָרן אויסדרוקן און באַגריפן אין וועלכע ס׳איז פאַראַן אַ פאָלקס־נשמה און אַ נשמה׳דיקע טיפקייט. דער עונג־שבת איז אַרונטער אין דער אידישער וועלט. מיט זיין פול צנועה׳דיק ליכט און מיט זיין גאַנצער פאַרהוילענער אַנטפּלעקונג — וואָס בלויז יענע וואָס היטן אָפּ שבת ווייסן וואָס דאָס איז אַזוינס. „נשמה־יתירה" — אָט דער געהויבנסטער אויסדרוק פאַר דער מנוחה פון שבת און פאַרן מהות פון שבת, וואָס די תלמודישע אגדה האָט געשאַפן. די מלאכי השרת באַגלייטן דעם מענטשן יעדן שבת און לייגן זייערע הענט אויף זיין קאָפּ, מיט אַ ברכה. און אידן גיבן אָפּ שלום צו די מלאכי־השרת און צינדן אַ סך ליכט און זיי גיבן אָפּ כבוד צום שבת מיטן אָנטועכץ און מלבוש, מיט עסן און טרינקען.

דער וואָס האָט ניט געזען דעם שבת, ווי ער ווערט אָפּגעהיט אין אַ שטאָט פון אידן — יענער ווייסט ניט דעם מהות פון שבת. אין ירושלים — טרעפט, אַז אַ מענטש שטייט אויף אַ הויכן באַרג און זעט דאָס ליכט פון שבת אין אידישע הייזער, דער שבת לייכט אַרויס פון די פענצטער אין דער חשכות פון דער וועלט. די הייזער זיינען אייגעזונקען, און די שכונות זיינען פאַר־שוואונדן, און בלויז שנורן פלעמלעך, איינע העכער פון די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע, איינע לעבן די אַנדערע, אין תוך פון דער נאַכט, וואָס איז שוואַרצער פון שוואַרץ. אָדער אַ מענטש גייט אַרויף אויפן דאַך פון הויז אין שטאָט גופא, אין תחום פון מויער, און ער פאַרנעמט דאָס קול פון שבת מיט זיין באַזונדער זיסקייט. און ס׳טרעפט, אַז אַ מענטש זעט די שפּאַצירגייער און שפּאַצירגייערקעס אין דעם נאָכמיטאָגדיקן ליכט פון אַ זומערטאָג אין קאָלירטע קליידער, מיטן שבת־ליכט אויף זייערע פּנים׳ער. פאָרוואָר, דער שבת איז געבענטשט מיט אַ ליכטיק פּנים. און אַפילו דער ישוב האָט אַריינגעגעבן נייע געווירצן אין דער ליבקייט פון שבת. פאַראַן קאָלאָניעס אין לאַנד, וואו מ׳קען זען דעם שבת אין זיין פולן ליכט. אַ שבת אינדערפרי, ווען די רו פילט אָן די לופט און דאָס רוען פון די בהמות, וואָס ליגן אַרום הויז דערמאָנען אָן אַמאָליקע צייטן און פסוקים.

שבת איז געוואָרן דער קנין פון אַלע פעלקער. זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם שבת אין אַ וואָכעדיקער שאַפונג, האָבן אים אָנגעפילט מיטן טומל פון עולם־הזה. רו איז פאַראַן בלויז פאַר יחידים — אָבער ניט פאַר יענע אַלע וואָס באַדינען די אַנדערע, פון זייער תענוג ווענן.

אידן אין גלות האָבן אָפּגעהיט שבת, דערפאַר האָט ער זיי אויך אָפּ־געהיט פון פאַרלענדונג. „שוואַרץ בין איך, אָבער שיין — שוואַרץ אַ גאַנצע וואָך, אָבער שיין בין איך אין טאָג פון שבת". דער שבת האָט געהיט איבערן ליכט פון גייסטיקייט אין זייער לעבן. די נשמה פון שבת איז אים געקומען פון לימוד־התורה. אין די צייטן פון די תנאים און אַמוראים — פלעגט דער חכם קומען און דרש׳ען דעם גרעסטן טייל פון טאָג, און דאָס פאָלק פלעגט זיך צונויפזאַמלען פון די אַרומיקע שטעטלעך. און מגידים און דרשנים זיינען נאָך ביז היינט פאַראַן אין די אידישע קהילות, און שבת׳דיקע שיעורים האָבן אויסגעפילט דעם טאָג. דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָט דער איד פאַרבראַכט אין דאַווענען, לייענען און לערנען. דער שבת׳דיקער לימוד איז דורכאויס באַשטאַנען פון העברעאישע ספרים, דער שבת איז געווען דער העברעאישער טאָג ביי אַלע אידן, און ס׳זיינען געווען גאָר פיל וואָס האָבן שבת ניט גערעדט אויף אַ וואָכעדיקן לשון. און דאָס באַהאַלטענע ליכט פון די ספרים האָט באַלויכטן דאָס צנועה׳דיקע פּנים פון שבת, און פאַרוואַנדלט די רו פון שבת אין אַ פולשטענדיקער מנוחת־הנפש, וואָס האָט קיין זאַך ניט פון וועלטלעכן טומל.

אין די לעצטע דורות, ווען די צעטומלעניש איז אַריינגעפאַלן אין דער אידישער וועלט — איז שבת געשטאַנען אין געפאַר פאַרביטן צו ווערן דורך אַן אַנדער טאָג. ס׳האָבן זיך געמערט די צאַמברעכער, וואָס האָבן מחלל שבת געווען און געמאַכט זייער שבת זונטיק, — ווי אַלע פעלקער. מיטן אונטערגאַנג פון שבת איז פאַראַן די סכנה פון אונטערגאַנג פון גאַנצן אידנטום. דער שבת פון אַנדערע פעלקער שטייט אונטערן שוץ פון געזעץ און רעגירונגען, און דער אידישער שבת איז אַרומגערינגלט מיט קרבנות פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל.

איצט האָפן מיר, אַז די אויפלעבונג פון פאָלק און לאַנד וועט אויך ברענגען אויפלעבונג פאַרן שבת.

יענע וואָס ציטערן איבער גאָטס וואָרט און איבערן שבת — דאַרפן אים אומקערן זיין גייסטיקייט, זיינע שיעורים און רעפעראַטן, זיי דאַרפן זאָרגן, אַז שבת זאָל ניט בלייבן קיין איינציקע שעה, וואָס זאָל ניט זיין אויס־געפילט מיט אַ לימוד, פאַר יעדן איינעם וואָס וויל לערנען. זיי דאַרפן געבן תענוג פון גייסט אַנשטאָט די תענוגים פון גוף. דער שבת דאַרף ווידער ווערן די „גלוסטונג פון טעג״ פאַרן לעבן פון דער נשמה.

## צבי הירש מאַסליאַנסקי

## די באַדייטונג פון שבת

„און זיי וועלן מיר מאַכן אַ מקדש״ — דאָס איז דער שבת. „און איך וועל רוען צווישן זיי״ — דאָס איז די נשמה־יתירה.

דאָס לעבן פון פאָלק, זיין כוח, זיין עקזיסטענץ, זיינע פעאיקייטן, זיינע גוטע מידות, זיין רחמנות מיט געפאַלענע און זיין ריין פאַמיליענלעבן — זיינען אַלע איינגעשלאָסן אין איין וואָרט: „שבת״. פאַראַן צוליבער אין דאָזיקן וואָרט! אַ זיבעטער טייל פון אידנס לעבן איז הייליק צו זיין גאָט, צו זיין תורה און גייסט פון נאַציאָנאַליזם. ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט געקומען אויף דער וועלט בלויז כדי צו דערפינדן דעם שבת פאַר די אַנדערע פעלקער, וואָלט עס שוין מיט רעכט זיך געקענט אָנרופן „דאָס אויסדערוויילטע פאָלק״. די גריכן און די רוימער האָבן געלאַכט פון שבת, אים אָנגערופן מיטן נאָמען „פוילקייט״ און די וואָס מאַכן שבת מיטן נאָמען „פוילענצער״, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט געבן זייערע שקלאָפן קיין רו, אַפילו קיין איינציקע שעה ניט, אין דער צייט, וואָס זיי, די פּאַטריציער און די מאַטראָנעס, האָבן אַליין קיין שום מלאכה ניט געטאָן דורך דער גאַנצער וואָך. און ווען מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק — זיינען מיר באַפוילן געוואָרן „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן״ און דער זיבעטער טאָג זאָל זיין אַ טאָג פון פרייהייט און רו אַפילו פאַר די קנעכט און די דינסטן און פאַר די פרעמדגעבאָרענע און אַפילו פאַר די בהמות, וואָס אין אונדזערע טויערן.

## י. ל. ברוך

# די הערשאַפט פון שבת

פאַראַן באַשטימטע ווערטן, אייגן צום אידישן פאָלק מיט זיין ערשטער אַנטפּלעקונג אויף דער וועלט, וואָס אויב מען זאָל זיי פון אים צונעמען — נעמט מען אויך אַוועק זיין נשמה, זיין אייגנאַרטיקייט, און ס'הערט אויף צו זיין דאָס וואָס ס'איז געווען דורכן גאַנג פון אַלע לאַנגע תקופות פון זיין קיום. דאָס פאָלק ישראל איז געקומען אויף דער וועלט מיט זיין באַשערטער, דער מלכה־שבת — און די ביידע זיינע דורכגעגאַנגען אַ לאַנגען וועג, העכער פון דריי טויזנט יאָר. דער שבת איז איינגעוועבט געוואָרן אין געוועב פון זיין נשמה, פאַרשלונגען געוואָרן אין זיינע בלוטן און איז געוואָרן אַן אומצעטייל־באַרער חלק פון זיין לעבן און זיין מהות. שבת איז ניט סתם אַ ביטול פון אַרבעט, נייערט די פאַרהייליקונג פון לעבן, אַן אויפהויבונג פון מענטשן פון פינצטערן טאָל פון מי און לייד צו דער העכסטער מדרגה פון נשמה־רו, פון ריינלעכקייט און באַהעפטונג מיט גאָטהייט. אַ קוואַל פון שיינקייט, פּאָעזיע און וויזיע, אַ קוואַל פון כוח און גבורה צו טראָגן דעם יאָך פון לעבן, אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שאַפונג, וואָס קוועלט אַרויס פון דער אידישער אייגנאַר־טיקייט, אַ שאַפונג פון אַ העכערן וועלט־באַגריף, וואָס גיט אַריין אין מענטשן אַ נשמה־יתירה און דערהויבט אים איבער די קליינלעכקייטן פון דער מאַטע־ריעלער וועלט צו דאָס אייביקע. און די שונאי־ישראל פון אַלע צייטן, וואָס האָבן געזוכט אויסצורייסן דאָס אידנטום פון דער וועלט — האָבן אָנגעווענדט אַלע זייערע מיטלען צו פאַרשטערן דעם שבת ביי אידן. די שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן נאָכצושפּיאָנירן די מאַראַנען, צי זיי שפּרייטן אַ ריין טישטעך אויף זייערע טישן אין טאָג פון שבת.

דער שבת האָט געשאַפן אַ באַשטימטן לעבנססטייגער, וואָס האָט אין זיך שיינקייט און דערהויבונג און וואָס אַלע שטורעמס און איבערקערענישן פון אַלע דורות האָבן ניט געהאַט די קראַפט אים אויסצורייסן פון דער וועלט און אים מבטל זיין. די אידישע גאַס מיט די הונדערטער ליכט וואָס לויכטן דורך די פענצטער פון שבת־נאַכט מיט דער רו און שלוה און פייערלעכקייט פון זיבעטן טאָג — איז דער תחום פון הערשאַפט פון דער מלכה־שבת; און מ'טאָר אין דאָזיקן תחום ניט אַריינטראָגן קיין וואָכיקייט און אַלץ וואָס ס'קען פּוגע בכבוד זיין איר קיניגלעכער הויכקייט און וואָס קען שטערן די געהויבענע שבת'דיקע האַרמאָניע. די איינוואוינער פון דאָזיקער גאַס, וואָס האַלטן זיך אָן די מעשים פון זייערע אָבות, פון די עלטסטע און פריסטע צייטן אָן, האָבן די אַבסאָלוטע רעכט צו פאָדערן פון יענע וואָס קומען אין זייער גאַס אין טאָג פון שבת, זיך אויפצופירן מיט רעספּעקט און מיט דרך־ארץ, כדי די קדושה פון שבת זאָל ניט געשטערט ווערן. די דאָזיקע גאַס איז זייערע, זייער

אייגענער רשות, דער תחום וואָס זיי האָבן געמאַכט, כדי צו מאַכן רוען דאָרט דעם גייסט פון זייער אַלטער טראַדיציע און מיט דער גזירה פון זייער נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו, וואָס איז זייערס זינט אייביקע יאָרן און וואָס האָבן אים טויזנטער יאָרן אויפגעהאַלטן דורך סכנת־נפשות און גבורה — האָבן זיי דאָס רעכט צו צווינגען יעדן איינעם וואָס קומט אַהין, אים ניט צו פאַרשוועכן מיט וואָכעדיקע מעשים.

## זלמן עפּשטיין

# די אינסטיטוציע „עונג־שבת" אין תל־אביב

מיטן דאָזיקן טראַדיציאָנעל־פאָלקסטימלעכן נאָמען, וואָס זיין קלאַנג אַליין איז שוין ליב צום אידישן האַרצן און ברענגט אים אַריין אין אַ נשמה־פאַרבינדונג מיט אונדזער פאָלקסלעבן, איז ביי אונדז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס פון איר געבוירנטאָג אָן, איז זי באַליבט געוואָרן ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזער אָרטיקער געזעלשאַפט און שפּרייט זיך אויס און פאַרנעמט אַ פּלאַץ ניט בלויז אין איר געבוירנפּלאַץ, אין תל־אָביב, נייערט אויך אין אַ סך שטעט אין לאַנד — און לויט ווי מיר הערן, אויך אין פיל פּונקטן אין חוץ־לארץ.

דעם שיינעם און ליבן געדאַנק פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט ח. נ. ביאַליק אויסגעטראָגן און אויסגע׳חלום׳ט און ער האָט אים אויך פאַר־געזעצט מיט באַזונדערער ליבשאַפט און איבערגעבנקייט, משפּיע געווען מיט דער גאַנצער שפע פון זיין גרויסער נשמה. צו פאַרקערפּערן דעם געדאַנק אין טאַט איז צוגעקומען צו אונדזער פּאָעט איינער פון אונדזערע מענטשן, מר ברוך ספּיוואַק, וואָס גיט אָפּ זיין צייט אין אַזאַ גרויסער מאָס פאַרן קיום און פאַרפּולקאָמונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

די באַליבטע אינסטיטוציע מיטן דאָזיקן ליבן נאָמען, אויב מען זאָל זי פאַרשטיין ווי געהעריק און זי אויסנוצן אין איר פולן אינהאַלט — קען ווערן אַ חשובער גייסטיקער פאַקטאָר אין אונדזער קולטורעל לעבן, אַן ערנ־סטער און פילזייטיקער גורם, פיל מער פאַר אַ צייטווייליקער פאַרוויילונגס־שעה פון „עונג־שבת".

אונדזער אינטעליגענציע, וואָס ציט זיך מיט באַזונדערער ליבשאַפט צו דער נייער אינסטיטוציע, האָט דורכדעם געוואָלט באַטאָנען און אונטער־שטרייכן, אַז דער ליכטיקער שיין פון טראַדיציאָנעלן שבת, איז ניט איינגע־שלאָסן בלויז אין די ווענט פון אַ שול, נאָר זי שפּרייט זיך אויס איבער די אוצרות פון גייסט און איבער דער עטישער שיינקייט פון דער גאַנצער אומה. און דאָס גיט אונדזער אינסטיטוציע אַ באַזונדער ווערט אין די נייע לעבנס־

אומשטענדן, וואָס ווערן געשאַפן פאַר אונדזערע אויגן. אויך איז וויכטיק דער פאַקט, וואָס דער אינטעליגענטער איד, ווען ער קומט אויף מאָדערנע מערב־אייראָ־פּעאישע וועלט האָט אינגאַנצן באַצוואונגען, הן אין זיין לעבנס־שטייגער, הן אין זיינע געדאַנקען, — אַזוי, אַז די ווענט פון שול זיינען ענג פאַר אים און קענען אים ניט גייסטיק צופרידנשטעלן בשלימות — אַז דער דאָזיקער איד שטרעבט, צום ווייניקסטנס, צו באַשאַפן פאַר זיך אַליין אין דער מסיבה פון זיינע פריינט און באַקאַנטע, אַ שעה פון גייסטיקן אָפּקלאַנג פון יענער גייס־טיק־פּאָעטישער וועלט, וואָס איז פאַרוויקלט אין אַ באַזונדער פאָלק שן גלאַנץ, פון דער קדושה פון שבת און זיין דערהויבענעם חן.

נאָר ווי האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים — אַז דער שכר פון אַ מצוה איז די מצוה — אַזוי איז אויך מיט דער אינסטיטוציע פון וועלכער מיר ריידן. אין פאַרבינדונג מיט די אויבנדערמאָנטע טעמים, וואָס גיבן דער אינסטיטוציע אַ באַזונדער פּראַכט, ווערט באַשאַפן אַ נייע שאַפונג, די שאַפונג פון אַ נייער בריק פאַר דער יוגנט, צווישן דעם עבר פון פאָלק און צווישן היינט, דאָס איז די בריק, וואָס דורך איר וועט דער האָריזאָנט פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אויף דער ערד פון אונדזערע אָבות — באַלויכטן ווערן זיבנפאַכיק.

אַ געזעלשאַפטלעכע מסיבה, וואָס פאַרזאַמלט זיך צוליב „עונג-שבת״, צוליב דער יניקה פון שפע פון דער שבת׳דיקער נשמה־יתירה — איז די פּאַסיקע אַטמאָספער פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון אידישן געדאַנק, פון געדאַנק פון אידישן פאָלק דורך די טויזנטער יאָרן פון זיין קיום, מיט זיין אייגנ־אַרטיק פּנים. ווייל אַפילו יענע געדאַנקען און שטרעמונגען וואָס זיינען בעיקר אַלגעמיין־מענטשלעך, אָדער, אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס זיינען שוין אַרויס פון אונדזער תחום אין רשות־הרבים פון דער גרויסער אויסערלעכער וועלט — זיי זיינען דאָך אויך וו אַ ליכטיקער טוי וואָס פאַלט אויף דער נשמה — דורכגייענדיק דורכן שטראָם פון אידישן געדאַנק מיט זיין פולער אייגנאַר־טיקייט, מיטן גאַנצן צויבער פון זיין שאַרפקייט, טיפקייט און פשטות צוזאַמען, מיט זיין גאַנצער פילפאַרביקייט: דער היסטאָריש דערציילערישער טייל פון דער תורה אין פאָלקלעכן און דרש׳נישן באַנעם, די תלמודישע אַגדה מיט איר גאַנצער דופטנדיקער זאַפטיקייט, דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור מיט אַלע פאַרבן און שאַטירונגען דורך דעם משך פון לאַנגע פאַרשיידענע תקופות — אין אַלץ גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אָן אָדער פון גייסטיקע און עטישע זאַפטן, מיט וועלכע אונדזער פאָלק צייכנט זיך אויס און אויף וועלכע זי האָט געשטעלט איר שטעמפּל ביז אויף אייביקע יאָרן. דאָ פאַרנעמט זיין איבערוואויגנדיקן פּלאַץ ניט נאָר דער אינהאַלט, נאָר אויך, און אפשר נאָך מער, דער אופן פון אויסדרוק, דאָס פּאָעטישע געוועב פון דער נשמה, די דורכדרינגנדיקע וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז די נשמה

פון אידישן פאָלק דורך אַלע דורות, דורך וועלכן ער לעבט און עקזיסטירט ביז היינטיקן טאָג, אַפילו ווען זי קליידט זיך אָן אין פאַרשיידענע צורות, און גיט אים דעם מוט און די כוחות און דעם פאַרלאַנג ווידער אויפצולעבן פון דער שפלות פון גלות.

## ר׳ בנימין

# די מסיבות פון עונג-שבת אין ארץ-ישראל

די עיקר׳דיקע מסיבות פון עונג־שבת, וואָס האָבן שוין געהאַט צייט זיך איינצואָווארצלען און זיך צעוואַקסן — זיינען דערווייל אין תל־אביב און אין ירושלים. דער בשותפות׳דיקער שטריך זייערער — און וואָס באַשטימט אויך זיין כאַראַקטער — איז די צייט. די דאָזיקע מסיבות האָבן אויסגעקליבן די צייט פאַר ווירקן די לעצטע שעה׳ן די צאַרטע, פון שבת־פאַרנאַכט. די דאָזיקע שעה׳ן ווילן זיי פאַרוואַנדלען פאַר גייסטיק אינטענסיווע און אַריינטאָן אין זיי: ריינקייט, גייסטיקייט, קדושה, באַהעפטונג צו דער אידישער תורה און צום גייסט פון אונדזערע גדולים. פאַרשטייט זיך, אַז יעדע איינציקע מסיבה טראָגט איר אייגענעם כאַראַקטער, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די מענטשן וואָס נעמען אין איר אָנטייל — גיבן אַריין אין איר זייערע געפילן און זייער גייסטיקע ברכה.

די מסיבה אין ירושלים איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון „ישורון" און אָפיציעל הייבט זי זיך אָן זומער פינף־דרייסיק נאָכמיטאָג. נאָר „ישורון" האָט איינגעפירט אַ שיעור אין גמרא ביי פיר אַזייגער, ווען ס׳קומען זיך צונויף צענדליקער מענטשן צו הערן דעם שיעור, און זיי בלייבן שוין איבער ביז צום סוף פון דער מסיבה. נאָך דער שעה פון לימוד־הגמרא קומט דאָס מנחה־דאַווענען. דערווייל ווערט דער עולם גרעסער, און ס׳הייבט זיך אָן די אָפיציעלע מסיבה. מ׳לערנט „פרקי־אבות". דער דאָזיקער לימוד פאַרנעמט אַ האַלבע שעה צייט. על־פי־רוב גייט מען איבער אויף איין פרק, אָדער צוויי, דער ביאור, די באַמערקונגען און באַלייכטונגען דינען פאַר אַן אַריינפיר צום געשפרעך. ס׳קומען אַריין די רייד פון די אָנוועזנדיקע, אַמאָל אין התנגדות צו די רייד פון לעקטאָר, און אַמאָל, ווי אַ הוספה און פאַרשטאַרקונג, און אַמאָל גאָר אין אַ פרישער באַמערקונג. נאָכן לימוד קומען ניגונים און זמירות. דערווייל איז מען מכבד דעם עולם מיט אַ גלאָז טיי, צי לימאָנאַד, פירות און דאָס גלייכן. דער עולם ווערט אַביסל אָפּגעפרישט און איז דערצו אויך יוצא די מצוה פון שלש־סעודות. נאָך אַ האַלבער שעה קומט אַ שמועס מכוח אַ ליטעראַרישן אָדער געזעלשאַפטלעכן ענין. על־פי־רוב, גייען די רייד אַרויס פון גדר פון אַ שמועס און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ רעפעראַט.

און אַט איז אַ צעטל פון די טעמעס פאַר די ערשטע צוויי חדשים: „עונג־שבת צוליב וואָס?" „די עליה פון די חסידים קיין ארץ־ישראל מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק". „ר' זאב יעבץ". „געשטאַלטן". י. ל. בערגער און ד"ר יוסף זעליגער". „אמת און אַ משפט־שלום זאָלט איר משפט'ן אין אייערע טויערן". „הערצל אין זיין צייט און אין אונדזער צייט". „זכרונות פון וואָלאָזשינער ישיבה". „קריאת־התורה בציבור". „די מוסר־באַוועגונג און דער זקן פון סלאָבאָדקע".

לערנען מיר דערפון, אַז די ירושלים'ער מסיבה באַשטייט פון אַ מאָזאַ־איק פון דריי זאַכן: לימוד, געזאַנג און רעפעראַט. אין צוזאַמענהאַנג מיטן רעפעראַט קומען אָפטמאָל אויפקלערונגען מצד די אָנטיילנעמער. און ווידער אַ פּאָר ניגונים און די תפילה פון מעריב און הבדלה.

סימבאָליש ביז אין אַ גרויסער מאָס איז דער אויסוואַל פון „פּרקי־אָבות" צו עפענען מיט דעם די מסיבה. אַרום און אַרום ברויזט די מאָדערנע וועלט, אַלץ אַרום זינקט אין אַ ים פון ספקות, אַ שטראָם פון אַלטע און נייע יצר־הרע'ס שטעלט זיך אַנטקעגן די אַלטע אמת'ן, די קלאָרע און באַשטימטע. אָבער די, וואָס זיינען זיך אַהער צונויפגעקומען קוקן זיך אויף דעם ניט אום. זיי הייבן ווידער אָן מיט אַלטע רייד. צי האָבן מיר דאָס ניט געלערנט אין אונדזער יוגנט? היינט וואָס פאַראַ גייסט און אינטערעס קענען מיר אין דעם היינט געפינען? אָבער ס'איז דאָ אַן אינטערעס. ס'דוכט זיך, אַז די אַלטע רייד זיינען אויך ניט געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. ס'דוכט זיך, אַז נייער ווייך יוירט אין די אַלטע לאָגלען. עפּעס וואָס ציטערט און רודערט זיך אין זיי. די אַלטע און נייע פּירושים זיינען אַ פאַרשלאָסענער אוצר. מענטשן פון אַן אַנטיקער וועלט דערנענטערן זיך צו דיר. דו דערפילסט אויך דאָ ספקות און פראַגעס, אַ שטראָם פון יצר־הרע'ס. דאָס איז אויך אַמאָל געווען אַ ברויזנ־דיקע מאָדערנע וועלט. נאָר דאָס פאַרבליבענע איז מער פון דאָס איינגעפּאַ־לענע, דאָס ליכט איז מער פון שאָטן, דער הויפּט־סוד פון אידנטום איז דער זעלביקער און דער אייגענער.

דער לימוד איז אַ געזעלשאַפטלעכער. דאָס לערנען איז ניט ביחידות, נאָר ברבים. לויט הללס ווערטל: „איך אַליין פאַר זיך — וואָס בין איך דען?" פאַראַן פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע מיינונגען און אַפילו פאַר אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען. און איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף די אַנוועזנדיקע — אַז זיי וועלן זיי ברענגען צום אויסדרוק. און דאָס איז וואָס עס באַ'טעמ'ט דעם לימוד. און נאָך מער ווערט דער געזעלשאַפטלעכער צד אַרויסגעבראַכט דורכן זינגען. אין אַ גינסטיקער שעה ווערט געשאַפן די געגאַרטע שטימונג.

און אָט וואו דער וואונדער ליגט: די הערשאַפט פון דור גייט אייגנט־לעך צום עקסטרעמען צד. זי שאַפט דאָך ביי היינטיקן טאָג דעם „יאָריד." די מידה פון „גאָלדענעם שטעג", וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי באַרימט, איז

שוין אייגנטלעך פאַר׳משפט געוואָרן צום אונטערגאַנג. און דאָ זעען מיר, אַז דווקא דער מיטלסטער וועג שטעלט צופרידן דער גרויסער מערהייט, און געוויס איז אין דעם פאַראַן אַ גייסטיקע באַפרידיקונג. מענטשן האָבן אין די דאָזיקע מסיבות געפונען עפּעס נאָך וואָס זיי בענקען, עפּעס אַזוינס וואָס זיי האָבן אויפן „יאַריד" ניט געפונען.

איך בין ניט באַקאַנט מיטן עולם, וואָס פילט אָן דאָס רוב פון דער מסיבה אין ירושלים. נאָר איך קען דעם קרעמער, וועמען כ׳האָב געהאַלטן פאַר אַ ניט קיין ערנסטן מענטשן, און איך זע ווי ער היט אָפּ די מסיבות יעדן איינציקן שבת. ער קומט פון אַ ווייטן געגנט צו דעם שיעור פון גמרא, מיט דער מסכתא סנהדרין איינגעוויקלט אין אַ צייטונג און פאַרלאָזט ניט זיין פּלאַץ ביז נאָך „המבדיל". און איך קען דעם ספרדישן יונגנמאַן, וואָס טוט דאָס אייגענע. און איך קען דעם יונגן חלוץ, וואָס דורך דער מסיבה איז ער געוואָרן אַ באַשטענדיקער בירגער אין „ישורון". און דעם יונגנמאַן פון פּוילן קען איך, וואָס האָט זיך געקליבן צו פאָרן צוריק אַהיים, נאָר די מסיבה, ווי ער זאָגט, האָלט אים צוגעבונדן און לאָזט אים ניט אויסוואַנדערן. און איך קען דעם אַלטן באַאַמטן, וואָס קומט רעגלמעסיק. און דעם נעכטיקן „בר־מצוה" קען איך, וואָס זאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו קומען. און דאָ ניט לאַנג צוריק האָט אים אַזוי געצויגן צום „פוטבאָל"...

און ווי וויכטיק דאָס איז, וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ באַשטימט פּלאַץ וואו די חכמים און דאָס פאָלק טרעפן זיך צוזאַמען... פאַראַן אַן אומ־מיטלבאַרער און גראַדער וועג פון קעגנזייטיקער באַווירקונג.

אין איינעם אַ חנוכה־אָוונט היינטיקס יאָר — זיינען אין הויז פון הרב קוק אַריינגעקומען עטלעכע מענטשן, צווישן די אַנדערע, אויך חיים נחמן ביאַליק. דער שמועס האָט זיך אָפּגעשטעלט וועגן „שבת אין לאַנד". דער רב און דער פּאָעט האָבן געערעדט גרויסע רייד. ס׳איז געווען אַ שעה פון רצון און התעוררות. ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, און פון די אַלע — האָט דער פאָרשלאָג פון פּאָעט מכוח „עונג־שבת" זוכה געווען צו אַ שנעלער פאַרווירקלעכונג. דער פּאָעט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן געדאַנק, אַז די זאַך איז פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, אַז שבת דאַרף אין ארץ־ישראל אָפּגעהיט ווערן גאָר אַן ערך מער ווי אין די גלות־לענדער. אָבער דווקא דערפאַר, וואָס שבת אין ארץ־ישראל איז דער נאַטירלעכער טאָג פון רו — איז פאַראַן די געפאַר, אַז דער שבת זאָל אָננעמען אַ פרעמדע צורה פון וואָכעדיקייט. די מסיבות פון „עונג־שבת" דאַרפן דעריבער זיין אַ שוץ אַנטקעגן דאָזיקן איבל.

די מסיבות זיינען דערווייל בלויז אַן אָנהייב און אַ שטיצפּונקט. נאָר זיי זיינען עלול צו אַנטוויקלען זיך אין לאַנד און אויך אין די גלות־לענדער.

פאַראַן אַ קערנדל. מאָרגן וועט אפשר אויפקומען אַ פּראַקטיקער בוים, וואָס אין זיינע צווייגן וועלן די פייגלען געפינען שוץ.

## ישעיה וואָלפסבערג

# די רעליגיאָזיטעט פון שבת

דער שבת האָט זיין שורש אין מעשה־בראשית, ער איז אָנגעהאָנגען אויף דער קאָסמאָגאָניע: „זכור למעשה בראשית". אָבער מיר זעען אַ וויכטיקע זאַך: בעת אין די עשרת הדברות פון ספר שמות שטייט דער שבת אין רשות פון „מעשה־בראשית" — געפינען מיר אין ספר דברים גאָר אַן אַנדער טעם דערפאַר: „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט, ווי דו אַליין, און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים"... „זכר ליציאת מצרים" אַנשטאָט „זכור למעשה־בראשית", היסטאָריע אַנשטאָט קאָס־מאָגאָניע און קאָסמאָלאָגיע. דאָס געזעץ פון באַשאַף איז נדחה געוואָרן פאַרן געזעץ פון עטיק און געזעלשאַפט. און נאָך מער: די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע מענטשן, פון האר ווי פון דעם קנעכט, איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם דאָזיקן געבאָט.

די רעליגיעזיטעט פון שבת, די גילדערנע קרוין פון גייסטיקער דער־הויבונג, דאָס געפיל פון נאָענטקייט צו גאָט, — זיי האָבן די דאָזיקע סאָציאַלע אינסטיטוציע געכאַוועט, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן זי געבאָרן. ס'קומט אַמאָל פאָר אַ ירידה אין לעבן פון אַ פאָלק, וואָס זיין פּאָזיטיוו־עטישער כוח איז אָפּ־געשלאָפט געוואָרן, און הגם זיינע רעליגיעזע געזעצן ווערן אָפּגעהיט באַריי־כערן זיי דאָס לעבן ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין און גיבן גאָרנישט צו צו דער געזעלשאַפטלעכער פאַרפולקאָמונג. נאָר דאָס האָט מער צו טאָן מיט דער שוואַכקייט פון מענטשן, איידער ווי מיט דער פעלערהאַפטיקייט פון די געז־זעצן, און אַביסל שפּעטער שטאַרקט זיך דאָס געפיל פון אַחריות און באַקומט נייע כוחות צו גיין צום דערהויבענעם ציל. דערפאַר וועט יעדער איינער, וואָס באַנעמט די אינערלעכע גייסטיקע כוחות פון מענטשן, מודה זיין, אַז רעליגיעזיטעט הייבט אויף דעם עטישן און סאָציאַלן אימפּעראַטיוו, לעבט־אויף די האַרבע קילקייט, און טראָגט אַריין פּאָעזיע און געזאַנג אין לעבן. דאָס איז זי, וואָס פאַרבינדט אונדזער לעבן, וואָס איז אונטערוואָרפן אין פליכט און מנהג, צום וואַרימען געפיל, ווען ס'איז ענג אינעם תחום פון עטיק, צו דער פאַרגאַנגענהייט אין אירע טיפע דערקענטעניש. מיר מוזן האָבן אַ באַציאונג צו דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי ווי מיר מוזן שטיין מיטן פּנים צו דער צוקונפט — מיט אונדזערע שטרעבונגען, וואָס וועלן פאַרווירק־לעכט ווערן אין דער צוקונפט. דער איינפאַכער פּאַטאָס פון עטיק באַקומט

נייע שטריכן פון דער רעליגיע און אויך די בריק וואָס ליגט צווישן אונדזער שפּל׳ער וועלט און צווישן דער אייביקייט — צווישן עולם־הזה און עולם־הבא — ווערט געבויט דורך טראַדיציע פון דער לעבעדיקער רעליגיע, ווייל רעלי־גיעזיטעט באַווייזט, אַז מיר באַנוגענען זיך ניט מיט בלויז פּראָגרעס אַליין, נייערט, מיר ווילן אויך זיך אויפהויבן גייסטיק.

## פ. שיפּמאַן

# וועגן שבת

שבת, קודש־קדשים, שבת־בראשית איז דער צייכן פון פרייען באַשאַף, פון וועלט־באַשאַף. פון אַבסאָלוטן גאָרנישט, פון דער גרויסער שטילקייט איז באַשאַפן געוואָרן דער יש. שבת, די מנוחה פון באַשאַף און קולטור, פאַר־בינדט דעם מענטשן מיט זיין גאָט, אין דעם טאָג ווערט ער בן־מלך, אַ פרייער מענטש אין געשטאַלט און בילד פון זיין באַשעפער. שבת — איז דער צורך פון באַשאַף און קולטור, דער מוז פון אמת׳ער פרייהייט.

און אויב מיטן יחיד איז אַזוי — היינט ווי שוין מיטן רבים!

ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע אָדער פערזענלעכע אויפלעבונג — אָן פרייהייט. ניטאָ קיין פרייהייט אָן קולטור און שאַפונג; און ניטאָ קיין קולטור און שאַפונג אָן רשות פון שבת, אָן דער אַבסאָלוטער רו, אָן אינערלעכער קאָנצענטרירונג, אָן אָן אינערלעכן דראַנג פון עמאָציעס צו שאַפן.

דער יחיד, ווי דער גאַנצער כלל, קענען זיך ניט אָפּגעבן דורך די וואָכעדיקע טעג צו אַ קולטור־לעבן; זיי קומען בלויז אין אַ העכערער וועלט אַ קורצע צייט נאָך זייער טעגלעכער אַרבעט. און אין דעם ליגט איינגעשלאָסן די גרויסע נאַציאָנאַלע שאַפונג, וואָס זי האָט איינגעשטעלט צייטן פאַר פריי־הייט, אַ צייט פאַרן לימוד־התורה און פאַר אַ לעבן פון פרייד, און אַ טאָג פון שבת פאַר דער קדושה פון פרייהייט און שעפערישקייט. די שווערע חומרות פון שבת־רו זיינען פון אַ העכערן מין, פון אינערלעכער קאָנצענטרירונג בעת די יצירה ווערט הייליק.

דער מענטש ווערט אַ בן־חורין, ווען ער גייט ניט אַרויס פון הויז, ווען ער וועבט דאָס געוועב פון זיין אינערלעך לעבן, ווען ער איז מקפיד אָפּצוהיטן זיין שבת מיט אַלע זיינע חומרות. אויך דאָס אידישע פאָלק איז ניט קיין בן־חורין, סיידן, עס גייט ניט אַרויס פון זיין שבת, ווען עס היט־אָפּ די אַבסאָלוטע קולטורעלע רו מיט אַלע זיינע קינדער, איינצושטעלן באַשטימטע שעה׳ן פאַר תורה און תפילה, פאַר גייסטיק לעבן און פאַר פריינט־שאַפט, פאַר שיין געזאַנג און ריין געדאַנק, צו עלית־נשמה דורך קולטורעלער שאַפונג און קדושה פון לעבן. דאָס איז די העכערע פאָלקס־דערציאונג און

צוגרייטונג פאַר קולטור־קנינים. בלויז אין דער צורה — פירט דאָס פאָלק זיינע קינדער צו דער קיניגרייך פון פרייהייט, צו דער הערשאַפט פון מענטשן דורך דער באַשאַפונג פון אַ פנים, פון שאַפן אַ וועלט — אַ מענטש.

די האַרבע דיסציפּלין פון שבת דערציט דורות, וואָס קענען זיך מייחד זיין מיט זייער נשמה, מיט אַ טיפן בליק אין זיך אַליין, פאַר שטילער פרייד און שטיל ריידן, פאַר ניצוצות פון געדאַנק, פאַר האַרציקער התלהבות, פאַר ליבשאַפט צום מענטשן און פאַר אַהבת־תורה און יראת־שמים. פון דער דאָזיקער דערציאונג פון שבת׳דיקער קדושה און אייביקער רו באַקומט קולטור אַ פנים, אייגנאַרטיקייט און כאַראַקטער.

און דער שטעמפּל פון שבת, דער חותם פון קאָנצענטרירטער שאַפונג איז איינגעקריצט אויף אַלע טעג פון דער גאַנצער וואָך. שבת איז די מלכה, די הערשערין איבערן לעבן. קומט אויס, אַז דאָס לעבן, אַ לעבן פון אַרבעט און וואָכעדיקייט, ווערט געהייליקט פון דער קדושה פון שבת און פון אייביקן לעבן פון שאַפן און זיינע ווערטן. אין חילול־שבת איז אַ חילול פון שאַפונג, דאָס אַרונטערזינקען פון קולטור צו דער וואָכעדיקייט פון ציוויליזאַציע און טעכניק, דער ביטול פון שעפערישער פרייהייט, די פאַרוואַנדלונג פון אַ בן־מלך אין אַ קנעכט. דאָס איז די מלחמה פון שבת מיט דער וואָך: די מלחמה פון פרייהייט און אונטעריאָכונג.

## פּראָפעסאָר באַגינסקי

# דער ווערט פון יום־המנוחה

די אַרבעטער אין אונדזערע טעג זוכן צו פאַרקירצערן זייער אַרבעטס־טאָג, אָבער די פאַרקירצונג פון צייט איז גאָרנישט מיט גאָרנישט לגבי דער אַבסאָלוטער רו פון איין גאַנצן טאָג אין וואָך. בלויז אין אָפּרו פון אַ פולן טאָג אין וואָך, פריי פון יעדער פיזישער און גייסטיקער אַרבעט — קען דער מידער אויסגעמאַטערטער מענטש אָפּפרישן זיינע כוחות. בלויז אַזאַ מין רו קען פאַרהיטן דעם מענטשן, ער זאָל ניט פאַרלירן זיינע כוחות פאַר דער צייט. זינט די דאָקטוירים קענען אַנווייזן דורך דער הילף פון כעמיע, אַז די אברים און נערוועז פון אַ מידן מענטשן ווערן געשעדיקט פון גיפטיקע מאַטעריעס וואָס קלייבן זיך אָן אין גוף; און זינט די דאָקטוירים האָבן באַגריפן, אַז דאָס אָפּטיילן פון די דאָזיקע מאַטעריעס דאַרף נעמען אַ לענגערע צייט, — זינט דעמאָלט איז קיין שום ספק ניט פאַראַן, אַז דעם מענטשנס אָרגאַניזם נויטיקט זיך אין שבת׳דיקער רו און דעריבער איז די מצוה פון שבת, צו רוען אַ פולן טאָג אין פולשטענדיקער רו, וואָס משה האָט געגעבן צו זיין פאָלק, איינע פון די גרעסטע און חשוב׳סטע מצוות פון היטן דאָס געזונט און קיום פון מענטשן אויף דער וועלט.

## פראַנץ ראָזנצווייג

# דער סוד פון שבת

דריי ליכטיקע שטערן שטראַלן אין הימל פון אידנטום: באַשאַף, אַנט־פּלעקונג, גאולה. דאָס זיינען די דריי גרויסע אמת׳ן, וואָס אויף זיי איז געבויט דער פּראַקטיקער בנין פון אידנטום. באַשאַף — דאָס הייסט: דער ריינער גלויבן אין באַשאַפונג פון הימל און ערד, אַ יש מאין, דאָס איז פריער פון אַלץ. גאָט האָט האָט באַשאַפן דאָס באַשאַף. אין דאָזיקן פשוט׳ן זאַץ איז אויסגעדריקט דער ערשטער אמת פון אידנטום. דער בורא: אַ כל־יכול, וואָס ס׳איז ניטאָ קיין גבול צו זיין גבורה, געווען, איז און וועט זיין. ער איז געווען פאַרן באַשאַף, ער איז דאָ אין באַשאַף, און וועט זיין אויך נאָכן באַשאַף. דאָס באַשאַף הענגט אָפּ פון אים, אָבער ער איז ניט אָפּהענגיק אָן באַשאַף. ער טראָגט די וועלט דורך זיין וואָרט און די הימלען דורכן הויך פון זיין מויל. ווי אַ בליץ פון דעם לויטערן הימל פון אַצילות האָט דער דאָזיקער אמת געטראָפן די אַנטיקע געצנדינער, וואָס זיינען געגאַנגען אינדערפינצטער מיט דער נאַטור, ניט זעענדיק דאָס געטלעכע ליכט און ניט וויסנדיק, וואוהין זיי גייען. פּלוצים האָט די וועלט צו זיי זיך אַנטפּלעקט אַ באַגרענצטע פון אַלע זייטן, ווי אַן ענדגילטיקע באַשאַף, און ווי איין שטיק. פּלוצים איז זיי קלאָר געוואָרן זייער באַציאונג צו דעם שאַפער פון דער שאַפונג, וואָס שטייט איבער אַלע פאַרבינדונגען, דערשפּירט זייער אייגענע דערקענטעניש, דעם מעטאַפיזישן כוח וואָס ליגט אין זיי באַהאַלטן. די מענטשהייט האָט געפונען דעם עטישן אַנטוויקלונגס־פּונקט, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר נאַטירלעכן דרימל.

די נאַכט פון שבת. די וואָכעדיקע טעג זיינען פאַרענדיקט. געקומען שבת — געקומען רו. ס׳איז אַ צייכן פאַר דער וועלט, אַז זי איז דורכאויס ניי, אַז זי איז דורכאויס כבוד צום באַשעפער פון באַשאַף. „אַן אייביקער בונד צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל, ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט״. און אויך די וועלט האָט גערוט און דערקענט איר באַשטימונג, איר ציל און איר תכלית. די נאַכט פון שבת סימבאַליזירט מיט זיך דעם אמת פון וועלט־באַשאַף. דער שטערן פון באַשאַף שעמערירט אין איר. ס׳בליצט דאָס ליכט פון אייביקייט, דאָס ליכט פון אַצילות, דרינגט אַריין אין דער אידישער נשמה. די אידישע נשמה ווערט דערהויבן אין דער נאַכט פון שבת, ווערט אויפגעלויכטן אין מענטשלעכן פייער און זינגט אַ פייערלעך ליד לכבוד דעם באַשאַף. „דו האָסט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג, דעם תכלית פון הימל און ערד״ . . . אַ שמחה כאַפּט אַרום די אידישע נשמה, זי זעט אויס ווי אַ ניי־באַשאַף, און ווי אַ ניי־באַשאַף בענטשט זי דעם בורא פון

אַלע וועלטן, דעם מלך מלכי המלכים, דעם קדוש־ברוך־הוא. איר האָט אַריינ־געבראַכט שלום אין מיין וואוינונג, שלום אין מיין האַרצן, שלום אין מיין נשמה, אַ נייע וועלט האָט איר מיר געגעבן און איר נאָמען איז: שבת. און די וועלט טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון הימל און ערד באַשאַף. און צוזאַמען מיטן באַשאַף קומט צו אונז די געטלעכע אַנטפּלעקונג. אַנטפּלעקט זיך צו אונדז ווי אַ שטערן נאָך אַ שטערן. באַשאַפונג איז יסוד. וואו איז דאָס מלכות? בריאה איז פונדאַמענט. וואו איז דער בנין? צי דען האָט דער בורא זיך באַהאַלטן העכער פון זיין בריאה און אונטער זיין כסא־כבוד? פונוואַנען וועט דעם מענטשן אַנטפּלעקט ווערן דער מיין פון דעם באַשאַף? און פונ־וואַנען קען ער דערגיין דעם צוועק פון לעבן זיינעם אויף דער ערד? ער מאַכט געזעץ און צייט דעם הימל און דער ערד, און צום מענטשן — וועט ער ניט געבן? אַ צווייטער שטערן האָט אויפגעלויכטן אויפן הימל פון באַשאַף, אַנטפּלעקונג איז זיין נאָמען. אויפן באַרג סיני האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט אין אַ וואָלקן פון כבוד, און גענידערט איבער אים מיט פייער. דאָס זיינען די שטיינערנע לוחות, די לוחות פון בונד. אויפן שטיין פון דער באַשאַפונג שטייען די לוחות פון געטלעכער אַנטפּלעקונג. דאָס איז דער אייביקער בונד, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צום פאָלק ישראל. אַזוי ווי דאָס באַשאַף איז אַן אייביקער בונד, ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט. דער שטערן פון אַנט־פּלעקונג האָט אויפגעבליצט און אויפגעלויכטן פאַר דער גאַנצער מענשהייט. טאָג פון שבת. פון יעדער זייט — ליכט, פון יעדן ווינקל — אַ ניצוץ. דער סימבאָל פון אַנטפּלעקונג. די אידישע נשמה קוקט אַריין דורך די שפּאַרונעס פון לעבן און זעט דאָס ליכט פון גאָט, וואָס שפּאַרט זיך אַרויס פון דאָרטן, און באַנעמט זיין אויפגאַבע, זיין זין און זיין פליכט. די אידישע נשמה זינגט אַ זמר פון כבוד לכבוד דער אַנטפּלעקונג: „משה זאָל זיך פרייען מיט דער מתנה פון זיין חלק, ווייל טרייער קנעכט האָסטו אים אָנגערופן, אַ פּראַכטיקע קרוין האָסטו אויף זיין קאָפּ געגעבן, ווען ער איז געשטאַנען פאַר דיר אויפן באַרג סיני און צוויי שטיינערנע לוחות האָט ער אַראָפּגעבראַכט אין זיין האַנט". די געבאָטן פון גערעכטיקייט און יושר, די מידות פון רחמים און חסד. אין טאָג פון שבת — שפּירט די אידישע נשמה די אַנטפּלעקונג פון גאָט דורך דעם אָפּהיטן די געזעצן פון שבת. די געזעצן פון שבת זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן אויפן באַרג סיני: „און פאַרשריבן אויף זיי איז דאָס היטן פון שבת און אַזוי שטייט געשריבן אין דיין תורה": ס'איז דער סוד פון לעבן: צו זיין אַ טרייער קנעכט צום באַשעפער פון דער שאַפונג, צו זיין אַ פרייער מענטש: חרות — חרות (איינגעקריצט=פרייהייט) צו בויען דאָס לעבן, אין דער הבחנה פון „קינדער זייט איר ביי אייער גאָט" צוזאַמען מיטן באַשאַף קומט די אַנט־פּלעקונג פון גאָט. צוזאַמען מיט דער געטלעכער אַנטפּלעקונג קומט די גאולה.

וואָס איז דער ציל פון באַשאַף? געטלעכע אַנטפּלעקונג. וואָס איז דער ציל פון דער אַנטפּלעקונג? די גאולה פון וועלט און מענטש. ווען די גאולה וואָלט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשנס האַרצן — וואָלט עס געבליבן הפקר פאַר פאַר־צווייפלונג און פאַרלענדונג. אין האַרץ פון דער מענטשהייט ברענען אומגע־הייערע בענקענישן פאַר דער גאולה פון דער וועלט און מענטש... די געט־לעכע אַנטפּלעקונג האָט איינגעפּלאַנצט דעם גלויבן אין דער גאולה פון דער וועלט און דעם מענטשן אין האַרץ פון דער מענטשהייט. דאָס דאָזיקע גלויבן איז דאָס זויערטייג אין דער קולטור־אַנטוויקלונג. דאָס איז די קראַפט וואָס באַוועגט די רעדער פון לעבן, פון וועלט און מענטש. דער באַשאַפער פון הימל און ערד איז דער וואָס האָט אַנטפּלעקט דאָס געזעץ פון לעבן און ער, ער איז דער גואל פון וועלט און מענטש. ער איז איינער, אָבער זיין נאָמען איז נאָך דערוויל ניט איינער. ווען ער וועט זיין איינער און זיין נאָמען וועט זיין איינער — דעמאָלט וועט קומען אַ גאולה פאַר דער וועלט און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

שבת פאַרנאַכט. די זון גייט אונטער. אָוונט־שאָטנס שפּרייטן אויס זייערע פליגלען איבערן לעבן.

די אידישע נשמה בענקט און גלוסט צו זען דאָס ליכט פון משיח. די פּראַכט פון גדולה, הילף און טרייסט, רו און קדושה... גאולה, גאולה, גאולה. דאָס איז די האַרציקע תפילה פון אַ אידן אין אַ שבת־פאַרנאַכט, וואָס איז פאַרוויקלט אין די געהיימענישן פון דער וועלט, אין דער מיסטעריע פון אַ צוקונפט, וואָס לויכט פונווייטנס.

## צבי הר־זהב

# דער ליבסטער פון טעג

וואויל איז דעם פאָלק ישראל, וואָס האָט זוכה געווען צו דער מתנה, וואָס איר נאָמען איז שבת. אַ סך אומות האָבן אונדז מקנא געווען און אויך געזוכט אַ זכות אין שבת — אָבער, ס'האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. האַלטן שבת מיט אונדז צוזאַמען איז זיי ניט אָנגעשטאַנען, מחמת גאווה. זיי האָבן גָעזען עפּעס אַ געשטאַלט, אַ מין אָפּשפּיגלונג פון שבת, און עס צוגעצויגן צו זיך, אייניקע פאַר דער צייט און אייניקע נאָך דער צייט — און דעם טעם פון שבת האָבן זיי ניט פאַרזוכט ביז היינטיקן טאָג. נאָך אין די אַמאָליקע יאָרן, איידער מיר האָבן נאָך זוכה געווען צום שבת — האָבן די באַבילאָנער געוואָלט שאַפן זייערן אַ שבת אין זייער אייגענער פאָרם און ס'איז אַרויס־געקומען אַ משונה־פעלערהאַפטע געשטאַלט אָן טעם און אָן חן, וואָס האָט קיין פאַרגלייך ניט צו אונדזער שלימות'דיקן שבת. אַ טאָג פון פייניקונג איז געווען

זייער שאַבאַטו, אַ טאָג פון ווידוי און תשובה, אַ טאָג, ווען מ׳האָט באַדאַרפט איינשטילן דעם צאָרן פון דער געטלעכקייט, פון פאַרגעבן די זינד פון מענשן, און אין באַשטימטע טעג פון חודש איז דער דאָזיקער שבת געקומען. (אויפן זיבעטן, פערצנטן, איין־און־צוואַנציקטן און אַכט־און־צוואַנציקטן, און אַ מין שבת איז אויך געווען אויפן נײַנצנטן.) אַזאַ שבת האָבן זיי געהאַט. אָבער אונדזער שבת איז בלויז אײַנער און הערשט איבער אונדזער אומה און ער קומט מיט אַ שפע פון ליכטיקער קדושה און ברענגט מיט זיך תענוג, און איז ניט נושא־פּנים אַפילו דעם גרעסטן פון מענטשן (ווי דער באַבילאָנישער שבת, וואו דער מלך איז אָפּגעזונדערט פון גאַנצן פאָלק) און בלויז דאָס פאָלק וואָס גיט צו די הייליקייט צו דער וואָך פילט זיין טעם און טרינקט פון זיין לעבנס־עליקסיר. און ליב איז אונדז דער שבת, הגם ער קומט מיט זיינע חומרות, מיט זיינע פאַרבאָטן און סיגים. און אונדזער אָפּהיטן שבת כהלכה מיט אַלע פּרטים — איז אונדז ליב און איז כלל ניט שווער, אַ זאַך וואָס האַלט די אומות־העולם אין וואונדער, ווייל דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן ליבע איז ניטאָ קיין שווערקייט. און פיין און שיין אָפּגעהיט דעם שבת האָבן ניט בלויז די גדולים און די יודעי־ספר, נייערט אויך די פּשוט׳ע מענטשן פון פאָלק און די ניט געלערנטע, אַלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן פאַרזיכטיק אָפּגעהיט שבת, און בלויז געציילטע יחידים האָבן מחלל־שבת געווען, און אַפילו די האָבן דאָס ניט געטאָן בפרהסיא, נאָר באַהאַלטענערהייט. ווי נאָר דער שבת איז אַריינגעקומען — האָט יעדע אידישע קהילה אָוועקגעלייגט אַלע אַרבעטן, און די קדושה פון שבת און די רו פון שבת האָבן געהערשט אין איטלעך איינציק הויז און אין איטלעכער שכונה. און די גרויסע ענדע־רונג איז געווען קענטלעך און זיך געשפּירט אומעטום וואו אידן האָבן געלעבט — אין יענעם גרויסן און הייליקן טאָג.

אפרים צורף

## דער כוח פון שבת

דער כוח פון שבת איז גרויס ווי אַ לייטערנדיקער ריינמאַכנדיקער כוח. אַפילו דער פּשוט׳ער מענטש האָט הנאה פון ליכטיקייט און ווערט נתעלה. דער שבת פירט איין סאָציאַלע גלייכקייט ביי אידן. דער דרייפאַכיקער פאַדעם זיינער: ערב־שבת, שבת׳דיקער טאָג און שבת־צו־נאַכט, די דריי סעודות און „מלווה־מלכה״, די גרויסע צוגרייטונגען און קאָליר פון די אַלע — שפּייזן די נשמה־יתירה פון רייכן און פון אָרעמען צוגלייך, און אין דער אייגענער מאָס.

דער עיקר פון פאַרהערלעכן דעם שבת שטעקט אין דער גייסטיקער באַציאונג פון מענטשן; אין דעם שעור פון פייערלעכקייט, אין דער באַשיי־

נונג פון דער מצוה, און אין דער טיפער ליבשאַפט וואָס מען שפּירט צו דער מצוה — דורך דער טרחה פון ערב־שבת.

אָט דער מוקיר־שבת פון דער אגדה, וואָס איז באַרימט צוליב זיין גרייטן זיך צום שבת דורך דער גאַנצער וואָך, דער שבת פון לאַסט־טרעגער אין פּרצעס דערציילונגען, אָדער, דער שבת פון יענעם אָרעמאַן, וואָס האָט געטאַנצט, נאָך די פיש, מיט זיין ווייב, אין לויב צו גאָט־ברוך־הוא, וואָס האָט ניט פאַרשעמט זיין שבת און האָט פון מרחקים אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף די ליפּן פון בעל־שם־טוב, ווען ער האָט געמאַכט קידוש — אַזעלכע שבתים רופן אַרויס פרייד ביי דער פּמליא של מעלה.

דער שבת באַהערשט דעם גורל. דער שבת האָט בכוח צו פאַרוואַנדלען דעם „הונט" אין אַ „בן־מלך". דאָס ליכט פון דער מלכה־שבת פאַרזיסט די מידת־הדין, צעטרייבט די מרה־שחורה, פאַריאָגט דעם פינצטערן וואָלקן פון יעדן פּנים. דער ריח פון וויין פאַרשמעקט דעם אָרעמאַן ווען ער מאַכט קידוש אויף שוואַרצברויט, און דער ריח פון פלייש און פיש און אַלע געריכטן — פון „יום זה מכובד"... די דאָזיקע געריכטן שמעקן אַרויס פון „סידור", זעטיקן דעם אָרעמען מענטשן און גיבן אים כל־ערליי תענוגים.

די דאָזיקע הויכע יצירה, וואָס איר נאָמען איז שבת, איז פאַרביק און אינהאַלטרייך. אַלע דורות האָבן געאָטעמט מיט איר גייסט. די פּירער פון דעם פאָלק און די פּשוט'ע מענטשן פון פאָלק האָבן פאַרזונקען אין שבת דאָס שענסטע פון זייער געדאַנק און געפיל, דאָס בעסטע פון זייער חלום און פאַנ־טאַזיע, זייער תמימות'דיקייט און גלויבן, דעם גאַנצן חן פון פאָלקסטימלעכ־קייט — דורך יעדן דור און דור. דער שבת האָט זיך זיי פאַרגעשטעלט אין פאַר־שיידענע פאַרקליידונגען, ביי אַלע באַזונדערע שיכטן פון פאָלק. שבת האָט זיך אַנטפּלעקט צו אַלע וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן באַזונדערע שיטות, צו די וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן פאַרשיידענע תורות, פון נגלה און נסתר, דורך יעדער איינציקער תקופה, מיט אַ ניי פּנים...

## זלמן שניאור

# אַ וואָרט וועגן שבת

שבת — איז די רו וואָס נאָכן שאַפן און דער אָנהייב פון אַ נייער שאַפונג; אַ גייסטיקע שמיטה כדי אָפּצופרישן דעם גייסט. דער מענטש וואָס האָט ניט געשפאַן אינדערוואָכן קען ניט וויסן דעם טעם פון שבת. און דער וואָס ווייסט ניט דעם טעם פון שבת — קען ניט וויסן דעם טעם פון שאַפן.

דער שבת אין לעבן פון שעפערישן מענטשן, ווי אין לעבן פון גאַנצן פאָלק, איז אַן אומבאַרירטער באָדן פאַרן געדאַנק, נאָך וועלכן עס קומען מעשים. געדאַנק קומט פריער פאַר טאַט.

דאָס פאָלק, וואָס האַלט זיך פון אייביק אָן, אַן פּראַקטישן סיסטעם פון „זאָל דיך די גריכישע קונסט ניט פאַרפירן, מחמת זי האָט ניט קיין פּרוכטן — בלויז בליטן" — קען ניט זען אין רו פון שבת בלויז אַ לעבלעכע הינדו־נירוואַנאַ... וואָס מיינט, אַן אויסלאָז פון אַלע כוחות, אַן אויסלאָז פון ווילן און דמיון, ווי בודאָס יורשים קוקן אויף דער דאָזיקער רו — נייערט, די גליקזעליקייט פון דער שלימות'דיקער רו, וואָס קומט נאָך טאָט, כדי ווידער צו ברענגען צום טאָט אַ צווייטן און אַ דריטן אַקט, וואָס זיינען שוין פאַראַן אין געדאַנק.

אויך דער פראַנצויז לאַפאַרג איז שוין געקומען צום דאָזיקן געדאַנק פון שפּעפערישער פוילקייט, אין זיין בוך „דאָס רעכט פון פוילקייט". (דרוא די־לא־פאַרעס) זיין אויספיר איז: יעדער מענטש האָט דאָס רעכט זיך צו פוילן, צו קומען צו זיך, צו זיין קליינער אָדער גרויסער אָריגינאַליטעט, מיט וועלכע ער איז באַשאַנקען פון געבוירן אָן; און ניט תמיד צו זיין אַ שרייפל, אַ קליין רעדל אין דער גרויסער וועלט־מאַשין אין שטורעמדיקן שטראָם פון דער געזעלשאַפט און אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

ער האָט ניט געוואוסט, דער גוי, אַז ער חזר'ט איבער אַן אַלטן אידישן געדאַנק, וואָס טראָגט דעם נאָמען: שבת. מחמת אַלע מלחמות פון פעלקער און מלחמות פון קלאַסן, זיינען סוף־כל־סוף אַן איין־איינציקע מלחמה, אין פאַרשיידענע פנימער און דערשיינונגען, פאַרן שבת; פאַר אַ קליינעם, צי פאַר אַ גרויסן שבת. .

אַלע נצחונות האָבן פאַר זיך איין ציל: ווער ס'זאָל פּראַצעווען שווער און ביטער און ווער ס'זאָל רוען, ווער ס'זאָל אָפּגיין מיט שווייס און ווער ס'זאָל זיך לאָזן וואוילגיין, ווער ס'זאָל פלאַסטערן די גאַסן און ווער ס'זאָל אַרומ־גיין אין זיי שפּאַצירן... אַזוי איז דאָס געווען פון אייביק־אָן און אַזוי וועט זיך עס אוודאי ציען נאָך לאַנגע יאָרן — ביז די טויערן פון שבת וועלן זיך עפענען פאַר אַלע מענטשן גלייך.

כדי צו מאַכן איין גרויסן שבת פאַר איין געוויסן קלאַס מענטשן — איז געווען אַ נויטווענדיקייט אין דער אַנטיקער וועלט, אין פאַרקויפטע קנעכט און דינסטן. נאָכדעם ווען די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, אין געדונגענע שקלאַפן, וואָס האָבן געאַרבעט זעכצן שעה אין מעת־לעת. אין אונדזערע צייטן, איז נאָך פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אין אַן אַרבע־טער־קלאַס, וואָס אַרבעט אַכט שעה אַ טאָג. און אויך די קעמפן אַ ביטערן קאַמף, פאַר קלענערע אַרבעט־שטונדן, און דער קאַמף גייט אָן... הייסט עס, די גאַנצע וועלט האַלט אין קעמפן שוין טויזנטער יאָרן פאַר אַ גרויסן שבת, פאַרן שבת פון לעתיד לבוא...

און דאָס איז כלל ניט קיין ווייטע אילוזיע. צוליב די וואונדערלעכע דערפינדונגען ווערן די לעבנס־באַקוועמלעכקייטן אַלץ מער פאַרפולקאָמט און

גרייכן צו אַזאַ מין הויכקייט, וואָס די זעערס האָבן פון זיי ניט געקעט חלומ׳ען און די קעמפער פאַר מענטשלעכע רעכטן האָבן ניט געקענט האָפן אויף אַזויגס. בעלי־חשבון האָבן געמאַכט אַ רעכענונג און אויסגעפונען, אַז ווען יעדער איינציקער מענטש, אָן אונטערשייד, זאָל אַרבעטן בלויז צוויי שעה אַ טאָג, וואָלט די גאַנצע מענטשהייט געווען זאַט, באַקליידט און באַשירעמט; ס׳וועט דער מענטשהייט גאָרנישט ניט פעלן אַחוץ גייסטיקע צופרידנשטעלונג, עונג־נפש אין דער געזעלשאַפט פון אַלע אונדז־באַקאַנטע מוזעס, וואָס דערוויילן האַלט זיי אין אַרענדע בלויז אַן איינציקער קלאַס־מענטש: דער קלאַס מענטש פון שבת־הגדול.

אָבער קומט און זעט: וואָס האָבן געהאָלפן אָט די אַלע גרויסע דער־פינדונגען און די אַלע מינים באַקוועמלעכקייטן, וואָס זיינען מיט זיי אויפ־געקומען? איז דער יאָך פון לעבן מיט אַן אמת לייכטער געוואָרן און צי האָט דער אַרבעטנדיקער מענטש דורך זייער זכות געפונען אַן אָפּרו? פאַרט דורך קאָלאָמבוסעס מדינה, וואָס שטורעמט און האָוועט טאָג און נאַכט מיטן כוח פון די דאָזיקע דערפינדונגען. און וואָס זעט איר אין דאָזיקן אומאויפהער־לעכן רעש און טומל? מענטשלעכע שטייגן — הייזער רופט מען זיי, פאַבריקן פון עסן און טרינקען — קאַפעטעריעס רופט מען זיי, און פאַבריקן פאַר פאַרגעניגן און אַמוזירונג — לונאַ־פאַרק רופט מען זיי. צי דערפאַר האָבן דורות נאָך דורות זיך געלאָזט הרג׳ען, און צי אויף דעם האָבן אונדזערע זעער געזאָגט נביאות? צי פאַר אַזאַ מין לעבן האָבן גאונים געבראָכן זייערע מוחות און דערפינדער האָבן געמאַכט דערפינדונגען?

און אַז דו שטעלסט זיך אָפּ אַביסל אויף איין פראַגע און אויף אַ צווייטער — קומסטו תמיד צו איין ענטפער:

ניטאָ קיין צייט, קיין פרייע צייט! עס פעלט אונדז אויס דער שבת אין אונדזער נייעם לעבן... דאָס אויספעלן פון שבת, אין איין אַספּעקט אָדער אין צווייטן, דאָס איז וואָס ס׳האָט אָפּגעמעקט יעדע בולט׳ע צורה און האָט פאַרוואַנדלט אַלע נשמות אין גלאַטע און ווערטלאָזע מטבעות.

דאָס אומקערן פון דער קרוין צום שבת, וואָס איז פאַר אַ לאַנגער צייט אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון כסא־המלכות, אין דעם שטעקט עפּעס פון דער גאולה בזעיר־אַנפּין, וואָס וועט אַמאָל אַמאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער אַלע וואָכעדיקע טעג, ווי די גערעכטיקייט וועט זיך אַמאָל פאַרשפּרייטן איבער אַלע פעלקער. אָן דאָזיקן גלויבן איז אונדזער לעבן קיין לעבן ניט.

שבת — איז די גאולה. און ניט בלויז אונדזער גאולה אַליין, נייערט די גאולה פון דער גאַנצער מענטשהייט אין די קומענדיקע טעג, די גאולה פון אַלע פעלקער פון דער וועלט פון די דאגות פון זייער עקזיסטענץ, כדי זיי זאָלן קענען אָפּגעבן זייער גאַנצע לידיקע צייט פאַר די פאַרבאָרגענע

נשמה־כוחות, צו זייער פאַרשקלאַפטער אינטימיטעט, און פאַר שאַפונגען, וואָס קיין אויג האָט נאָך ניט אָנגעקוקט.

וואויל איז אייך, קינדער פון ארץ־ישראל, וואָס איר האָט אָנגעהויבן די דאָזיקע גאולה: וואָס איר קומט און קערט צוריק די אַלטע קרוין צו דער פאַרשטויסענער מלכה. וואויל איז אייך, וואָס איר האָט אָנגעהויבן געבן אַ תיקון־נשמה פון דעם איין ־דער־לופט־שוועבנדיקן אידעאַל: שבת. געדאַנק פון פולשטענדיקער רו... וואָס איז אויך דער פּרוזדור פאַר נייע מעשים און — נייע שאַפונגען.

## בעל־מחשבות

# שבת

### 1.

ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ פאָלק, וואָס זיינע ימים־טובים האָבן אַזאַ נאַציאָנאַלן תוך, ווי דאָס אידישע, און קיין פאָלק האָט ניט אַזאַ אינטע־ליגענץ, וואָס זאָל אַזוי מזלזל זיין מיט זיינע ימים־טובים, ווי די אידישע. ביי געוויסע אידישע קלאַסן ווייס מען קיינמאָל נישט פון אַ שבת און אַ יום־טוב. זייער גאַנץ לעבן פאַרגייט איין טאָג ענלעך צום אַנדערן, מאָנאָטאָן, גרוי, אין וואָכעדיקע פאַרבן. מען האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טיפן זין פון אַ „יום־מנוחה", בעת דער מענטש רייניקט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע פון זיין גאַנצן וואָכע־דיקן שמוץ: פון זיין וואָכעדיקן בגד, זיין העמד, זיינע גשמיות׳דיקע דאגות, זיין מגושמ׳דיקער קרעמער־נשמה; בעת ער טרייבט אָפּ פון זיך די גראָבע אינסטינקטן פון אַ רויב־חיה, וואָס לויפט אויף געיעג.

איינע פון די שענסטע און לעבעדיקסטע זאַכן, וואָס איז אונז איבער־געבליבן פון אונדזער אַלטער קולטור, איז דער שבת. נאָך דעם אַחדות־געדאַנק איז דער שבת־געדאַנק די טיפסטע און העכסטע אידייע, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן פון דער תורה. אין געוויסע קרייזן האָט ער שוין לאַנג פאַרלאָרן זיין אַמאָליקן גלאַנץ און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויען טאָג, וואָס אונטערשיידט זיך שוין נישט פון די טעג פון אַ גאַנץ יאָר. אויב איר ווילט זען כאָטש אַ חלק פון זיין אַלטער שיינקייט, מוזט איר פאָרן קיין ענגלאַנד, אָדער אין איינע פון די פוריטאַנישע שטאַטן פון אַמעריקע און זען ווי זיי פאַרברענגען אַ זונטיק, זייער שבת. די אידישע תורה האָט זיי געוויזן דעם קלאַסישן וועג, ווי אָפּצוגנב׳ענען פון דער גרויער וואָך איין טאָג, כדי דער וואָכעדיקער מענטש זאָל כאָטש אויף אַ ווײַלע באַקומען אַ „צלם־אלוקים." אָבער מיר, די אידישע אינטעליגענץ, האָבן מיט אַ לייכט האַרץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פליכטן פון אַ „יום־מנוחה", און דורכדעם איז אונדזער אָרעם לעבן געוואָרן נאָך צען מאָל גרויער ווי געווען.

.2

וואָס פאַרא הויכן און טיפן זין עס האָט געהאַט דער שבת פאַר דעם קיום פון אידנטום, קען מען זען פון די מאמרים, מיט וואָס אונדזערע חז״ל האָבן געקרוינט דעם שבת. „שקולה שבת כנגד כל התורה כולה וכל המשמרה כהלכתה מוחלין לו כל עונותיו״. (דער שבת וועגט אַראָפּ די גאַנצע תורה, און ווער עס היט אים אָפּ ווי עס דאַרף צו זיין — דעם איז מען מוחל אַלע זיינע זינד.) „מומר לשבת הרי הוא כמומר לכל התורה כולה״ (ווער עס לייקנט אָפּ שבת לייקנט אָפּ אין דער גאַנצער תורה). „אלמלא משמרין שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין״ (ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט כאָטש צוויי שבתים ווי עס דאַרף צו זיין — וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן). „לא חרבה ירושלים, אלא שחללו בה את השבת״ (ירושלים וואָלט נישט חרוב געוואָרן ווען מ׳וואָלט דאָרט נישט מחלל שבת געווען). „עשירים בבבל במה הם זוכין? שמכבדין את התורה; ובשאר הארצות במה הם זוכין? שמכבדים את השבת״. (וואָס איז דער זכות פון אידן אין אַנדערע לענדער? וואָס זיי האַלטן דעם שבת אין כבוד). „המענג את השבת ניצול משעבוד גליות״. (ווער ס׳איז מענג דעם שבת, ראַטעוועט זיך אַרויס פון שעבוד גליות).

זיי, די חז״ל, וועלכע האָבן געזאָרגט און געקעמפט פאַר דער עקזיס־טענץ פון דער אידישער נאַציע מיט אַזאַ געוואַלטיקן שעפערישן כוח, האָבן די ווערדע פון שבת דערהויבן ביז צו דער ווערדע פון דער גאַנצער תורה. נאָך מער, זיי האָבן צייטנווייז אים נאָך העכער געשטעלט פאַר דעם אחדות־געדאַנק. אין זייער הייליקער באַגייסטערונג פאַרן שבת האָבן זיי זיך דערלויבט אויס־צורופן: „ווער עס היט דעם שבת ווי עס דאַרף צו זיין, איז מען אים אַפילו מוחל די זינד פון געצנדינערייי.״ (שבת קי״ח) זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז דער גייסטיקער טייל אין מענטשן נויטיקט זיך אין רו, אין אַ לויטערער סביבה, וואו עס דרינגען נישט אַריין די קולות פון מאַרק. נאָר אין אַזאַ סביבה קענען וואַקסן און בליען די בלומען פון גייסט. „ששת ימים תעבוד ועשית את כל מלאכתך; וכי אפשר לאדם לעשות את כל מלאכתו בששת ימים? אלא שבות, כאלו מלאכתך עשויה, ד״א שבות ממחשבות עבודה״. (זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און זאָלסט אָפּטאָן גאָר די אַרבעט. צי איז דאָס מעגלעך פאַר אַ מענטשן אָפּצוטאָן גאָר די אַרבעט אין זעקס טעג? איז דער תירוץ, זאָלסט זיך אַזוי אָפּרוען אַקוראַט ווי דו וואָלסט געענדיקט אַלע אַרבעט. אַנדערע חכמים מיינען: רו זיך אָפּ פון איטלעכן געדאַנק וועגן אַרבעט). נאָר אין אַ לויטערער סביבה, וואו עס דרינגען נישט אַריין די חשבונות פון וואָך, איז מעגלעך צו אַנטוויקלען די העכערע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפילן, די גאַנצע שאַפונג וואָלט קיין ווערדע נישט געהאַט, ווען די זעקס טעג אין וואָך

וואָלטן נישט געקרוינט געווען מיט אַ שבת־טאָג. „צו וואָס איז דאָס געגליכן ? צו אַ קיניג וואָס האָט זיך אַ חופה געמאַכט, זי פאַרפוצט און באַמאָלט. נאָר איין זאַך האָט געפעלט אונטער דער חופה — די כלה". דאָס אייגענע איז מיט גאָטס וועלט ; עס האָט איר דער שבת געפעלט. אָדער אַ משל מיט אַ קיניג, וואָס האָט געהאַט אַ זיגלרינג, וואָס האָט דעם רינג געפעלט ? דער זיגל. דאָס אייגענע איז גאָטס וועלט : עס האָט איר דער שבת געפעלט. (מדרש־בראשית) דער שאַפונגס־געדאַנק וואָלט ניט פולקאָם געווען, ווען דאָס גשמיות'דיקע לעבן וואָלט זיך ניט איינגעהילט אין דעם שלייער פון דער שבת־קיניגין ; ווען דער מענטש וואָלט נישט געפילט די שפּלות צו זיין אַן אייביקער קנעכט ביי דעם גראָבן חומר, ביי די אייביקע גשמיות'דיקע דאגות, ווען דער מענטש וואָלט ניט געדאַרשט זיך צו באַפרייען צו דער פרייהייט פון אַ שבת־טאָג.

דאָס געטאַ־לעבן האָט באַצויגן דעם שבת מיט דעם שימל פון אַלערליי חומרות, און דעריבער זעט אָפּט נישט דער היינטיקער אינטעליגענט דעם טיפערן זין פון אים. הערט מען זיך אָבער צו צו די ווערטער פון אַנדערע חז"ל, באַגרייפט מען, דאָס די אידייע פון שבת איז געפלאָסן פון די טיפסטע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפילן ; דאָס באַשאַפנדיק אַ שבת האָבן זיי געזוכט כאָטש אויף איין טאָג אין וואָך צו רייניקן דעם מענטשן פון זיין חיה'שן לעבן. און צוגלייך דערמיט זעט מען, וואָס פאַר אַ הויכע השגה זיי האָבן געהאַט וועגן מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיך אַ צלם־אלוקים. רו זיך אויס פון דיינע אַרבעט־געדאַנקען, זאָגן זיי אים, און דו ביסט אַזוי ריין ווי זיי. דען דער אָפּשטאַנד צווישן הימל און ערד איז גאָרנישט אַזוי גרויס. אין דעם גלאַנץ פון ריינע זילבערנע לייכטער און פון דיין רואיקן שטילן בליק לויכטן אויף די שטראַלן פון גאָטס גענאָד. און דו אַליין ביסט אַן אַנדערער געוואָרן. אַ נשמה־יתירה האָט מען דיר צוגעלייגט. אויפן פסוק „און גאָט האָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און אים הייליק געמאַכט" — זאָגן די חכמים : „די שטראַלן, וואָס גייען אַרויס פון מענטשנס פּנים אַ גאַנץ יאָר, קען מען גאָרנישט פאַרגלייכן מיט דעם ליכט, וואָס שיינט פון אים אין שבת־טאָג." און אַז דער שבת קלאָגט זיך פאַרן רבונו של עולם : „רבש"ע ! אַלעמען האָסטו געגעבן אַ באַשערטן, נאָר איך בין געבליבן איינער אַליין". ענטפערט אים הקב"ה : „די כנסת־ישראל איז דיין באַשערטער".

צווישן הימל און ערד שוועבט די שבת־קיניגין. אַ גאַנצע וואָך בלאָנ־דזשעט זי איינע אַליין, פון אַלעמען פאַרלאָזן צווישן די מיליאָרדן הימל־שטערן, פאַרשמוצט און פאַרגרעבט, פאַרעסק'ט און פאַרטאַראַראַמט לויפט אַרום איר באַשערטער אויף אַלע גויאישע יאַרידן. מיט אומעט און מיט עקל קוקט זי אויף איר חתן, וואָס האָט שוין פאַרלאָרן זיין געטלעכן אָנבליק און וואָס איז שוין כמעט נישט צו דערקענען. אָבער אָט קומט דער זעקסטער טאָג פון וואָך און ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם גאַנצן שמוץ, וואָס האָט זיך

אָנגעקליבן אויף אים. אין זיין שטוב באַווייזן זיך די ערשטע סימנים פון ריינקייט, ציכטיקייט און יום־טוב׳דיקייט. די שבת־קיניגין הויבט ווייטער אָן צו דערקענען איר באַשערטן און שוועבט צו צו דער ערד, וואָס האָט אויף אַ ווײַלע פאַרלאָרן דעם שווערן גרויען אויסזען, און אין די פאַלדן פון אירע קליידער טראָגט זי די בשמים־ריחות פון העכערע וועלטן, די שטילע מוזיק פון מלאכים׳שע פליגל, וואָס באַוועגן זיך אין אַ געטלעכן טאַקט.

בשעת דער פּאָעט זינגט: „יום זה לישראל אורה ושמחה, שבת מנוחה, חמדת הלבבות לאומה שבורה, לנפשות נכאבות נשמה יתירה, לנפש מצרה יסיר אנחה״ (אָט דער טאָג איז אַ טאָג פון ליכט און פרייד, אַ באַלזאַם פאַרן האַרצן פון אַ צעבראָכענער אומה, אאַז״וו) דריקט ער נישט אויס אַפילו אַ צענטל פון דעם, וואָס דער שבת האָט געגעבן און גיט „דער צעבראָכענער אומה.״

ווער ווייס? אפשר ווערט די „צעבראָכענע אומה״ אַ גאַנצע נאָר אויף איין טאָג אַ וואָך. אפשר וואָלט שוין לאַנג פון דער „צעבראָכענער אומה״ אַ זכר נישט געבליבן, ווען עס וואָלט נישט געווען דער שבת.

.3

פאַר עטלעכע יאָר האָט געמאַכט דאָס בוך „ביבעל און באַבעל״ פון פּראָפעסאָר דעליטש אַ גרויסן איינדרוק אויף געוויסע טעאָלאָגישע קרייזן. דעליטש האָט געוואָלט צונעמען ביים אידישן גייסט איינע פון זיינע אָריגינעל־סטע שאַפונגען, דעם שבת. אויף די טאָוולען פון בבלשן געזעצגעבער האַמוראַבי, וועלכער האָט געלעבט אין אַברהם אָבינוס צייטן, האָט ער שוין געפונען אַ רמז׳ל אויף דעם שבת־געדאַנק. די געלערנטע אַנטיסעמיטן פון טשיימבערליין ביז מענשיקאָוו, האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער נייער אַנטדעקונג. יעדע שעפערישע אָריגינעלע אידייע, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אידישקייט, שטייט זיי ווי אַ ביין אין האַלדז. ווען זיי וואָלטן אין אַ שיינעם פרימאָרגן קענען באַווייזן, אַז משה רבינו איז אַ בלאָנדער אַריער און אַז ישעיהו הנביא איז אַן אור־אור אייניקל פון אַן איינגעוואַנדערטן גריך, וואָס האָט זיך מגייר געווען — וואָלטן זיי זיך געוויס גליקלעך געשעצט. איך ווייס נישט, ווי ווייט דעליטש איז גערעכט מיט זיין פּירוש פון די צייכנס אויף די טאָוולען פון אַלטן האַמוראַבי. איך דערוועג זיך נישט צו זאָגן אינאיינעם מיט סטרינדבערגן, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם בבלישן כתב, וואָס מען רופט דאָס „קליין־שריפט״ איז אַן אויסגעטראַכטע סברה פון באַנקקוועטשערס; אַז די צייכנס, וואָס מען געפינט אויף די אַלטע בבלישע טאָוולען, איז גאָר נישט קיין שריפט, זאָנדערן שטיקלעך שטרוי, וואָס די בבלים פלעגן ניצן ביים ברענען פון ציגל־טאָוולען. איך וועל אויך נישט לייקענען, אַז די ערשטע זוימען פון דער אידישער קולטור געפינען מיר שוין אין אַלטן בבל. די אַנט־

וויקלונגס־לערע האָט אונדז שוין לאַנג איינגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אַ העכערע קולטור וואַקסט אויס פון די וואָרצלען פון אַ פריערדיקער נידעריקערער קולטור. אָבער נאָר מענטשן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער קריסטלעכער קולטור און וואָס האָבן קיינמאָל נישט געפילט דעם שבת, ווי עס האָבן אים געפילט אונדזערע עלטערן און פאָרעלטערן, קענען פירן אַ פּאַראַלעל צווישן אַ רמז׳ל אויף אַ רו־טאָג ביי האַמוראַבי און אַ אידישן שבת, ווי ער האָט זיך אַנטוויקלט פון צווייטן חורבן ביז צום סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט. דער שבת אין זיין טויזנטיאָריקער אַנטוויקלונג, איז געוואָרן דאָס שענסטע פּראַקטיקסטע אידישע קונסטווערק, אין וועלכן עס שפּיגלען זיך אָפּ די אידלסטע און פיינסטע געפילן פון צענדליקער־צענדליקער דורות. דער שבת איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרינצעסין, אין מלכתא דשבתא, אין אַ עטהערישע געשטאַלט, וועלכע איז געוועבט פון גן־עדן־בשמים און הימלישער מוזיק. דער גייסט פון דער אידישער קולטור האָט נישט דערלויבט דעם שבת צו געבן אַ פּלאַסטישע געשטאַלט, אָבער דער איד האָט זיך פאָרט נישט איינגעהאַלטן אים צו געבן אַ געשטאַלט, כאָטש דורך ווערטער. „שבת מלכתא״ האָט ער אַ נאָמען געגעבן זיין געליבטן שבת און גאָר דעם גלאַנץ, וואָס עס האָט אַוועקגערויבט פון אים דער גלות, האָט ער אַוועקגעגעבן זיין געליבטער מלכה.

אין מיינע אויערן קלינגט אַ מעלאָדיע, אַן אַלטע חסידישע מעלאָדיע, וואָס אַ געוויסע חסידישע כיתה פלעגט זינגען, בעת זי פלעגט אויסשפּרייטן די אָרעמס מקבל־פּנים זיין די מלכה. דאָס איז די מעלאָדיע פון „אתקינו סעודתא דמהמנותא שלימתא חבורתא דמלכה קדישא״, און יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך אָן איר, דוכט זיך מיר, אַז אַ טרובאַדור זינגט צו זיין „הערצנס־געליבטער דאַמע״, אַז דאָס זינגט דער ריטער פון טאָגענבורג, וואָס וועט אייביק בענקען צו זיין געליבטער, אייביק זיך פאַרצערן אין דעם פייער פון זיין הייליקער ליידנשאַפט און וואָס וועט זיך אייביק פילן אַזוי נאָענט און אַזוי וויט פון זיין געליבטער. אָט אַזוי זינגט נאָר אַ מענטש, וואָס איז שוין אויסגעלייטערט פון אַלע עגאָאיסטישע ליידנשאַפטן, וואָס האָט נאָר איין פאַרלאַנג: אינגאַנצן אויסצעגיין אַלס אַ קרבן אויף דעם מזבח פון ליבע און איבערגעבנקייט.

די אידישע מיסטיק האָט פול געמאַכט די אידישע שטוב מיט מלאַכי־השרת, מיט אַ נשמה יתירה, מיט אַ שבת־מלכתא, מיט גאַנצע קאַראַוואַנען פון הייליקע אורחים און גוטע גייסטער. דער פאַרגלייך, וואָס היינע האָט געמאַכט צווישן אַ אידן פון אַ גאַנץ וואָך און שבת, איז מער ווי אַ פאַרגלייך. דאָס איז דער אמת אַליין. עס איז נישטאָ קיין פאַלק, קיין נאַציע, וואָס האָט באַזעסן די קראַפט צו באַשאַפן אַ וואַנט צווישן דעם חיה׳שן און גייסטיקן מענטשן, ווי דאָס אידישע פאָלק. אין די פיר ווערטער „זכור את יום השבת״ האָט זיך

אויסגעדריקט אַ נייער און דערהויבענער קולטור־פּרינציפּ פאַר דער וועלט. געדענק, אַז דו ביסט אַ מענטש, אַ פונק פון דעם גרויסן פייער, פון גאָט אַליין.

.4

קיניגס־קינדער און פּרינצן האָבן ליב צו לעבן איינזאַם, פאַר זיך, אין בעסטן פאַל רינגלען זיי זיך אַרום מיט עטלעכע נאָענטע און געליבטע קרובים. אויך דער איד מיידט אויס שבת די גאַס, מיידט אויס די פאַרגעניגנס פון מאַרק, דעם צייטפאַרטרייב פון גראָבן בשר־ודם. אין קרייז פון זיין פאַמיליע פאַרברענגט ער זיין „יום־מנוחה״. צווישן איין תפילה און דער אַנדערער שטייט דער בית־מדרש ליידיק. מען הערט נישט דעם קול פון מתמיד, מען לייענט נישט אום שבת דעם „שיעור.״ די סדרה, דער תהלים, די פּאָעזיע פון די דרשנים שטויסן אַרויס אויף אַ ווײַלע דעם האַרבן פּלפּול פון די בייכיקע ספרים. דער ראש־הישיבה טרעט אָפּ זיין פּלאַץ דעם מגיד, און די מוסר־ספרים, וואָס ריידן מער צום געפיל ווי צום שכל, פאַרנעמען דעם אָרט פון די „בבות״ מיט זייער שאַרפן וועלטלעכן פאַרשטאַנד.

איך שטעל זיך פאָר, מיט וואָס פאַר געמישטע געפילן האָט געקוקט דער קריסט פון מיטלאַלטער, וואָס האָט נאָך פון זיין זונטיק געהאַט אַזאַ גראָבע השגה, אויף דעם אידישן שבת. דער חילוק צווישן דעם אידן פון מאַרק און דעם אידן פון שבת איז געווען אַזוי גרויס, דאָס דער קריסט האָט באמת געמעגט קלערן, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ מין כישוף. די רואיקייט פון אַ אידישן שבת האָט אים אויסגעזען ווי אַ מין קאָנספּיראַציע פון מכשפים אַנקעגן די אָרנטלעכע אַרומיקע גויים. אַ אידישער שבת אינמיטן פון אַ באַרבאַרישער באַפעלקערונג מאַכט אַ גרויסן מיסטישן איינדרוק, און וועקט ביי דעם וואָס קוקט זיך צו טיפער — גרויסע אַכטונג צום פאָלק, וואָס איז מבטל מיט איין קלאַפּ די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט מיט אירע געדאַנקען וועגן אַרבעט, וואָס האַלט מיטן אייגענעם רצון אָפּ די רעדער פון דער געוויינלעכער אַרבעט, און פּראָקלאַמירט די פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער נשמה פאַר דאָס העכסטע און וויכטיקסטע, און פאַרלאַנגט פאַר זיי אַ קיניגלעכע רו. אָבער אין האַרץ פון באַרבאַר וועקט דער אידישער שבת אַ פחד פאַר עפּעס אַ פרעמדער קראַפט. נאָך עד היום אַ שבת אין אַ פּוילישן, ליטווישן קליין שטעטל ווירקט אויף דעם זייטיקן מיט אַ באַזונדערן צויבער. דער שבת איז איינע פון די פּולקאָמענסטע שאַפונגען פון דער אָביעקטיווער אידישער קולטור.

די ענגלענדער, וואָס חוץ אונדז זיינען זיי אפשר דאָס איינציק ביבל־פאָלק, מיען זיך צו מאַכן פון זייער זונטיק אַזאַ שאַפונג, ווי מיר האָבן דאָס געמאַכט פון שבת. זיי שעמען זיך נישט אונדז נאָכצוטאָן און זיי גייען אין די וועגן פון אונדזערע חכמים. דען צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע, צוזאַמען מיט דער אינדוסטריע איז דער מענטש געוואָרן נאָך צען מאָל

מער אַ קנעכט, ווי ער איז געווען. די מלחמה פאַרן לעבן האָט נאָך פאַרשטאַרקט די גרויקייט פון דער וואָך. און די פראַגע וועגן אַ רו־טאָג איז געוואָרן אַ וועלט־פראַגע. אָבער אום אַז, אַ רו־טאָג זאָל קריגן אַ ריכטיקן קלאָרן אינהאַלט מוזן זיך די פעלקער אומקערן צו די פרינציפּן, וועלכע עס האָבן אַזוי טיפזיניק פאַרשטאַנען אונדזערע חז״ל.

די גאָניאַלע שאַפונג פון אידישן פאָלק, דער שבת, וועט נאָך ווידער אָנהייבן צו לויכטן מיט איר גאַנצן פּראַקטיקן גלאַנץ אין די אויגן פון די געבילדעטע פעלקער. די פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער נשמה וועלן נישט אויפהערן צו אינטערעסירן די קולטור־פעלקער. און ווידער וועט מען זיך פאַרקוקן אויף אונדזער שבת־מלכתא, און ווידער וועט אונדזער פרינצעסין ווערן צו אַ וועלט־סימבאָל... אָבער אונדזער אינטעליגענץ וועלן מיר האָבן צו פאַרדאַנקען, — אונדזער אינטעליגענץ, וואָס מיט זיך מיט אַלע כוחות נישט אָפּצושטיין חלילה פון דער קריסטלעכער קולטור, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון די שענסטע שאַפונגען פון דעם אידישן עבר, — איר וועלן מיר האָבן צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר וועלן נאָכמאַכן די פעלקער דאַריך, וואָס זיי האָבן פון אונדז גענומען. פאַר אונדזער אייגענער בלינדקייט, וועלן מיר ווערן זעעוודיק, ווען דאָס אייגענע וועט באַקומען אַ פרעמדן און אפשר אַן ערגערן פּנים.

## חיים שויס

# שבת — אַ טאָג פון רו און אַ הייליקער טאָג

שבת איז אַ רעליגיעזע און סאָציאַלע אינסטיטוציע, מיט וועלכער אידן האָבן באַאיינפלוסט די וועלט. אידן האָבן באַאיינפלוסט די וועלט מיט דעם שבת, אַזוי ווי זיי האָבן באַאיינפלוסט די וועלט מיט דעם גלויבן אין איין גאָט.

ווי ווייט מ׳ווייסט, זיינען אידן געווען די ערשטע איינצוטיילן דעם לוח אין זיבן־טאָגיקע וואָכן, אומאָפּהענגיק פון דעם חודש, און זיכער זיינען אידן געווען די ערשטע און די איינציקע צו פּראָקלאַמירן דעם פּרינציפּ פון זעקס טעג אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג רוען. ניט נאָר האָבן אַנדערע פעלקער עס ניט געהאַט, נאָר זיי האָבן גאָר פון דעם געלאַכט. גריכיש־רוימישע שרייבער האָבן באַשולדיקט אידן, אַז זיי זיינען אַ פאָלק פון פוי־לאַקעס, מחמת יעדן זיבעטן טאָג שטעלן זיי אָפּ די אַרבעט און טוען גאָרנישט אַ גאַנצן טאָג. גריכיש־רוימישע שקלאַפן־האַלטערס האָבן זיכער ניט געקענט פאַרשטיין דעם אידישן שבת.

אויך די אַמאָליקע פעלקער פון מזרח, די אידישע שכנים אין די

תנך־צייטן, האָבן ניט געוואוסט פון אַ זיבן־טאָגיקער וואָך און אַ זיבעטן טאָג פון רו.

אָבער שבת איז ניט נאָר אַ טאָג פון פיזישער רו. ער איז מער ווי דאָס — ער איז אַ הייליקער טאָג. פון די אַלטע צייטן אָן איז שבת געווען געבויט אויף צוויי מאָטיוון: איינער אַ סאָציאַלער און דער אַנדערער אַ רעליגיעזער.

דער סאָציאַלער מאָטיוו איז אָפּרו פאַר יעדן מענטשן און אַפילו אויך פאַר דער בהמה. דער רעליגיעזער מאָטיוו איז הייליקייט: שבת איז אַ הייליקער טאָג. גאָט האָט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג, און אידן מוזן אָפּהיטן שבת, כדי צו זיין אַ הייליק פאָלק און צו פירן אַ הייליק לעבן.

אָט־ווי שבת ווערט דערקלערט אין חומש מיט דעם סאָציאַלן מאָטיוו: „זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט, און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל זיך אָפּרוען דיין אָקס און דיין אייזל, און עס זאָל אָפּ־אָטעמען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער" (שמות כ"ג, 12).

דעם רעליגיעזן מאָטיוו טרעפן מיר באַלד אין אָנהייב פון חומש: „גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". דער גאַנצער ערשטער קאַפּיטל פון בראשית איז אַזוי געשריבן, אַזוי אויסגעשעטל, אַז עס זאָל זיך ענדיקן מיט שבת ווי דער קלימאַקס. שבת איז לויט דעם ניט אַ מענטשלעכע אינסטיטוציע, איינגעפירט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די מענטשן, נאָר עס איז דער הויכפּונקט אין גאָטס באַשאַפונג פון דער וועלט.

דער דאָזיקער רעליגיעזער מאָטיוו פון שבת, וואָס מיר טרעפן אין אָנהייב פון בראשית, איז נאָך טיפער און פּאָעטישער אויסגעדריקט געוואָרן אין די מדרשים.

לויט איין מדרש האָט גאָט געהאַט אין זיין געדאַנק דעם שבת שוין פאַר דער באַשאַפונג פון דער וועלט, און גאָט האָט באַשאַפן די וועלט ניט מער ווי כדי צו רוען דעם זיבעטן טאָג און צו מאַכן פון דעם שבת־געדאַנק אַווירקלעכקייט. אָט דעם רעיון פון דעם מדרש האָט דער דיכטער פון „לכה דודי" אויסגעדריקט מיט די ווערטער „סוף מעשה במחשבה תחילה", עס הייסט: גאָט האָט די שבת־רו שוין לכתחילה געהאַט אין זיין מחשבה, איידער נאָך ער האָט אָנגעהויבן באַשאַפן די וועלט.

לויט אַן אַנדער מדרש איז שבת ניט דער טאָג ווען גאָט האָט אָפּגע־שטעלט זיין אַרבעט און גאָרניט געטאָן, נאָר שבת גופא איז אויך אַ זאַך וואָס גאָט האָט באַשאַפן. זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן אַלצדינג אַחוץ איין זאַך: די רו; דאָס האָט ער באַשאַפן דעם זיבעטן טאָג. דעריבער זאָגט דער פסוק, אַז גאָט האָט דעם זיבעטן טאָג געענדיקט זיין אַרבעט, דעם זיבעטן טאָג און ניט דעם זעקסטן, ווייל ער האָט שבת נאָך אויך געטאָן זיין אַרבעט פון באַשאַפן די וועלט — ער האָט באַשאַפן די שבת־רו.

שבת איז איינער פון די צען געבאָטן, די עשרת־הדברות. צוויי מאָל שטייען די עשרת־הדברות אין חומש, איין מאָל אין סדרה „יתרו" און אַ צווייטן מאָל אין סדרה „ואתחנן". עס איז די זעלבע עשרת־הדברות אין ביידע סדרות, אָבער דאָך איז דער נוסח אין איין סדרה אַנדערש ווי אין דער אַנדערער. פאַראַן וואַריאַציעס, ענדערונגען קליינע, וואָס זיינען זייער וויכטיק. אויך בנוגע שבת איז דער נוסח ניט דער זעלבער. אין ביידע שטעלן ווערט אָנגעזאָגט צו היטן שבת, אָבער דער פאַרוואָס איז ניט דער זעלביקער. אין סדרה „יתרו" איז דער מאָטיוו רעליגיעז, אין סדרה „ואתחנן" איז דער מאָטיוו סאָציאַל.

אָט־ווי דער געבאָט פון שבת ווערט אָנגעזאָגט אין סדרה „יתרו":

„געדענק דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אָפּטאָן אַלע אַרבעט דיינע, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין בהמה, און דיין פרעמדער וואָס איז אין דיינע טויערן. וואָרים אין זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס איז אין זיי, און אין דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און אים געהייליקט".

דער מאָטיוו פון שבת איז דאָ דער רעליגיעזער: שבת איז געהייליקט צו גאָט, ווייל נאָך איידער מענטשן האָבן גערוט שבת, האָט גאָט שוין גערוט, נאָכדעם ווי ער האָט די וועלט באַשאַפן.

גאָר אַנדערש ווערט שבת מאָטיווירט און באַגרינדעט אין סדרה „ואתחנן":

„היט דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק, אַזוי ווי דיין גאָט האָט דיר אָנגעזאָגט. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אָפּטאָן אַלע אַרבעט דיינע; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין אָקס, און דיין אייזל, און אַלע דיינע בהמות, און דיין פרעמדער וואָס איז אין דיינע טויערן, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו און דו זאָלסט געדענקען, אַז דו ביסט אַליין געווען אַ קנעכט אין דעם לאַנד מצרים, און דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעפירט פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דעריבער האָט דיין גאָט דיר אָנגעזאָגט צו מאַכן דעם טאָג פון שבת".

מיר פילן דאָ אין די דאָזיקע רייד דעם אָטעם פון דעם אידישן לעבן, פון דעם קאַמף קעגן דעם סאָציאַלן אומרעכט. מיר הערן דאָ די הומאַניטאַרישע פאָדערונג צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון קנעכט, אים צו געבן אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורוען יעדן זיבעטן טאָג פון זיין שווערער אַרבעט.

דער קנעכט, פאַר וועמען דאָ ווערט געפּאָדערט אַ טאָג פון רו, איז אַן אָרעמער אידישער פויער אין אדץ־ישראל אין דער צייט פון דער זעלב־שטענדיקער אידישער מלוכה. דער רייכער פּריץ, אָדער סוחר האָט צוגע־נומען פאַר וואוכער זיין שטיקל לאַנד און האָט צום סוף צוגענומען פאַר קנעכט אים מיט זיין ווייב אָדער די קינדער זיינע. פאַר אָט די פאַראָרעמטע פויערים, וואָס זיינען געוואָרן קנעכט ביי די רייכע פּריצים, ווערט עס דאָ געפּאָדערט אַ טאָג פון רו.

אַ צווייטער אונטערדריקטער קלאַס, פאַר וועמען דאָ ווערט געפּאָדערט אַ טאָג פון רו, איז „דער פרעמדער אין דיינע טויערן" (וגרך אשר בשעריך). דאָס וואָרט „וגרך" האָט דאָ אַן אַנדער באַדייטונג ווי דאָס האָט געהאַט אין שפּעטערע צייטן. „גר" האָט שפּעטער באַקומען אַ רעליגיעזע באַדייטונג. עס האָט באַדייט אַ גוי וואָס האָט אָנגענומען די אידישע אמונה. אין תנ"ך אָבער האָט „גר" אַ סאָציאַלע באַדייטונג. עס באַדייט אַ פרעמדער, ניט קיין איד, וועלכער האָט זיך באַזעצט צווישן אידן אין ארץ־ישראל. אַזאַ פרעמדער האָט זיך באַזעצט אין אַ שטאָט, וואָרים קיין לאַנד האָט ער ניט פאַרמאָגט. אין שטאָט איז ער געווען אַ לוין־אַרבעטער. דעריבער רעדט זיך אין דעם שבת־געזעץ פון „דעם פרעמדן אין דיינע טויערן", עס הייסט: אין דיינע שטעט.

אַזוי־אַרום איז דער אידישער שבת פון די אַלטע צייטן אָן געבויט געוואָרן אויף צוויי יסודות, אַ סאָציאַלן און אַ רעליגיעזן, און אויף אָט די צוויי יסודות איז ער געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט דורך די פאַרשידענע צייטן פון דער אידישער געשיכטע. שבת קען ניט זיין קיין הייליקער טאָג, אויב מ'רוט ניט פון דער אַרבעט; און עס איז ניט קיין אמתער שבת, אויב עס פעלט די „נשמה יתירה", די גייסטיקע דערהויבנקייט.

## יהודה אבן שמואל

# די מתנה פון שבת

אַ טאָג פון שלום איז דער טאָג שבת: ווען דער מענטש מאַכט שלום מיט זיך אַליין, מיט זיינע ברידער, מיט דער גאַנצער וועלט. ס'איז אַ טאָג פון האַרמאָניע אין מענטשנס האַרץ, וואָס זאָגט אָן די האַרמאָניע פון דער וועלט. די „מלאכי־השלום" זאָגן אָן דאָס אַריינקומען פון שבת, באַגלייטן אונדז אין יעדער שעה פון שבת'דיקן טאָג, לאָזן איבער אַ בענקשאַפט אין האַרצן פאַר דער גאַנצער וואָך און וועקן אויף אין דער סאַמע וואָכיקייט פון לעבן אַ האָפענונג פאַר דעם קומענדיקן שבת. און ווער עס פאַרטיפט זיך אין די מקורות פון באַשאַף און אין זיין תכלית און פאַרשטייט דעם סוד, וואָס שטעקט

אין די רייד פון אונדזערע חכמים, אַז „שלום איז דער נאָמען פון גאָט־ברוך־הוא״, ווער ס׳האָט געררייניקט זיין האַרץ אין דער אהבה פון שלום — איז ווערט, אַז דער שבת זאָל אויף אים רוען, ווי דער פייטן דריקט זיך אויס: „די מיט ריינע הערצער זאָלן אים ירשנ׳ען און אים פאַרהייליקן.״ און ווער ווייסט, אויב די ברכה פון שלום איז ניט דער אויסדרוק דורך אַלע טעג פון וואָך פאַר אונדזער בענקעניש פאַרן טאָג פון שלום, פאַרן שבת.

אַ געבענטשטער טאָג איז דער דאָזיקער טאָג, געבענטשט פון גאָט און מענטשן. מיר האָבן אים געבענטשט מיט גרויס ליבשאַפט דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז געבראַכט די ברכה, און ער איז פאַר אונדז געוואָרן אַ קוואַל פון ברכה. אין דעם דאָזיקן טאָג שטראָמט דאָס האַרץ מיט ברכה צום נאָענטן און צום ווייטן. ס׳איז אַ טאָג פון ליבשאַפט, אַ טאָג פון גייסטיקער פאַרבינדונג מיטן חבר, מיטן גאַנצן באַשאַף, אַ טאָג, ווען דער מענטש איז גרייט אָנצורופן איטלעך גרעזל אין פעלד: „דו ביסט מיין ברודער!״ ניט אומזיסט האָבן די מקובלים געזאָגט: „דער סוד פון שבת — איז שבת, וואָס פאַראייניקט זיך מיטן סוד פון „אחד״!״ מיט „גאָט איז איינער״ דאָס איז דער סוד פון ליבשאַפט, דער סוד פון הויה.

„שבת קודש!״ — אַזוי רופן מיר דעם דאָזיקן טאָג שוין טויזנטער יאָרן, און מיט אַ הייליקן ציטער, ווי מיר וואָלטן אין דער דאָזיקער רגע געפונען אויסדרוק פאַרן געפיל פון אונדזער התפעלות און פאַרהערלעכונג.

וואָס איז דאָס געפיל פון דער דאָזיקער התפעלות און פאַרהערלעכונג, וואָס פילן אָן דאָס האַרץ פון דעם אידישן מענטשן און זיינע פאָעטן? פון משה׳ן אָן און ביז היינטיקע טעג האָט דאָס ליד פון שבת זיך ניט אָפּגעטאָן פון אונדזער מויל. אונדזערע בעסטע קינסטלערישע שאַפונגען, אייגנטלעך, אונדזערע העכסטע דערגרייכונגען אין דער וועלט פון גייסט, זיינען ניט מער, ווי אַ „מזמור שיר ליום השבת.״ ניט אַנדערש, אַז מיט דעם צאָלן מיר אָפּ דעם לוין צו דעם „באַליבטן פון די טעג״, פאַר אַלץ מיט וואָס ער האָט אונדז באַשאָנקען, פאַר דעם גאַנצן שיין און ריינקייט וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין אונדזער לעבן.

אפשר ווען מיר צוקומען צו די וואָרצלען פון זאַכן, ווען מיר וועלן זיך צוקוקן מיטן קוק פון אידישקייט צו די געטלעכע מתנות, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן.

דריי מתנות זיינען געגעבן געוואָרן דעם מענטשן: די מתנה פון שאַפן, די מתנה פון פרייהייט, און די מתנה פון שבת.

ניט פאַר יחידי־סגולה איז געגעבן געוואָרן די מתנה פון שאַפן, נאָר פאַר איטלעך איינעם, וואָס איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט: דער באַשעפער פון אַלץ האָט אונדז געמאַכט פאַר באַשאַפער, ער האָט אונדז באַפוילן צו שאַפן. איטלעך שעפערישע אַרבעט מאַכט אונדזער לעבן הייליק, און, וואַרהאַפטיק,

יעדער אַרבעט וואָס האָט ניט בכוונה צו שעדיקן איז אַ שעפערישע אַרבעט. דער מענטש טראָגט אַריין נשמה און גייסט אין דעם טויטן חומר, ער גע־שטאַלטיקט געשטאַלטן אין דער נאַטור, ער טוט מיט דער חכמה פון זיין האַרצן און ווירקט מיט „פאַרשטענדיקע הענט״, ער פלאַנירט פלענער און באַפעלט אויף די כוחות פון דער נאַטור זיי אויסצופילן. ער זעט פון אָנהייב אָן דעם ענדציל פון זיין ווערק, ער הערט זיך צו צו די באַגערן פון זיין האַרצן, און לויט זיי — ווירקט ער. שאַפן באַוואוסטזיניק — דאָס איז דעם מענטשנס חוב און זיין אויפגאַב: אויפצוהייבן יעדע אַרבעט צו דער מדרגה פון „טאַט״ און שאַפונג, אַז יעדער אויפטו פון זיינע אויפטואונגען, זאָל זיין אין דער בחינה פון אַן ערשטן אויפטו, אַן עפּעס אין דער בחינה פון באַשאַף. און דעריבער זיינען מיר אָנגעזאָגט: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און זאָלסט אָפּטאָן גאַר דיין אַרבעט... ווייל זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד״. יעדע מענטשלעכע אַרבעט אין וועלכער ס׳איז ניטאָ עפּעס פון מאַכן הימל און ערד, עפּעס אַ נייעס, עפּעס פון אַ שאַפנדיקן רצון, עפּעס פון אַ געדאַנק פון באַשאַפונג, איז ניט קיין מלאכה, וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען. אין התפּעלות פאַרן מענטשלעכן שאַפונגסגייסט האָט דער זינגער פון תהלים געזונגען: „און דו האָסט אים געמאַכט עפּעס ווייניקער פון גאָט און מיט כבוד און שיינקייט טוסטו אים באַקרוינען, דו מאַכסט אים הערשן איבער אַלע מעשים פון דיינע הענט... גאָט אונדזער גאָט, ווי מעכטיק דיין נאָמען איז איבער דער גאַנצער וועלט!״ דער מענטש, דער שאַפער, זאָגט עדות אויף דער מציאות פון דעם באַשאַפער פון אַלץ.

די צווייטע צום פּראַצעס פון שאַפן — איז די מתנה פון פרייהייט. אויך אין דעם שטייען מיר פאַר דער דערשיינונג פון „דו האָסט אים געמאַכט עפּעס ווייניקער פון גאָט״. דער מענטש אין אַן אַבסאָלוטער בן־חורין און זיין פריי־הייט איז אַן אומבאַגרענעצטע, זיין בחירה איז פריי אין געדאַנק און מעשים און איז ניט געצוימט: ניטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל צווינגען דעם מענטשן און זיינע מעשים, ניט אין דעם מענטשנס נשמה און ניט אין זיין גוף, ניט אין אים און ניט אין זיין סביבה, ניט אין געזעצן פון דער נאַטור און ניט אין די געזעצן פון דער געשיכטע. ווי ליים אין דער האַנט פון טעפּער, אַזוי איז דער מענטש בלויז אין זיינע אייגענע הענט. „זע, איך גיב פאַר דיר היינט דאָס לעבן און דאָס גוטע, דעם טויט און דאָס שלעכטע... און דו זאָלסט אויסוויילן דאָס לעבן.״ דער מענטש האָט ניט קיין שותף אין זיינע מעשים און דאָס אַחריות פאַר זיינע מעשים פאַלט אויף אים און אויף אים אַליין. „פון אייער אייגענער האַנט איז דאָס אייך געקומען״. און דאָך — ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מענטש איז דער אַבסאָלוטער בן־חורין, אין איין זאַך איז ער אָבער ניט קיין פרייער מענטש: ער איז ניט פריי מבטל צו זיין זיין פרייהייט. ער טאָר זיך ניט לאָזן פאַרשקלאַפן און זיך איינשפּאַנען

אין יאָך אַנטקעגן זיין רצון. קנעכטשאַפט איז פאַרבאָטן, ניט אַזוי פאַרן פאַרשקלאַפער ווי פאַרן פאַרשקלאַפטן. און אַזוי ווי קנעכטשאַפט איז פאַר־באָטן פאַרן יחיד, אַזוי איז זי פאַרבאָטן פאַרן קיבוץ, פאַר אַ פאָלק. „ווייל צו מיר זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט" — זיי זיינען מיינע קנעכט, אָבער ניט קיין קנעכט צו קנעכט.

אָבער די טראַגיק פון מענטשן שטעקט אין דעם, וואָס ס'איז אים שווער צו טראָגן די צוויי קרוינען, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן. צוערשט פאַרלירט ער זיין פרייהייט און דערנאָך די שמחה פון שאַפן. מיט זייער פיל בינד, אָפּענע און באַהאַלטענע, זיינען פרייהייט און שאַפן פאַרקניפּט איינס מיט דאָס אַנדערע. בלויז דער פרייער מענטש איז זוכה צו דער פרייד פון יצירה. דער וואָס איז פאַרשקלאַפט צו אַנדערע פאַרוואַנדלט זיין אויפטו צו אַ מלאכה — און וואָס פאַר אַ שיינע נשמה קען שוין זיין אין אַ ווערק פון אַ מענטשן ביי וועמען דאָס בעסערע איז פאַרלוירן געגאַנגען — זיין פרייהייט? ווייל בלויז דער שאַפער איז אַ בן־חורין, מחמת ער אַנטפּלעקט זיך יעדע רגע צו זיך אַליין פונדאַסניי, און דורך די בענקענישן נאָך די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען היט ער אָפּ זיין שאַפונג, אַז זי זאָל זיין אַ פרייע, ניט קיין פאַרשקלאַפטע.

כדי אָפּצוהיטן דעם מענטשן, אַז ער זאָל ניט פאַרלירן די דאָזיקע צוויי מתנות, און אויב ער האָט זיי שוין פאַרלאָרן, זאָל ער זיך ניט מייאש זיין פון זיי און זיך נאָך אַמאָל אומקערן צו זיי מיטן גאַנצן האַרצן — איז אים געגעבן געוואָרן די דריטע מתנה — די מתנה פון שבת. אין דעם דאָזיקן טאָג קערט זיך דער מענטש אום צו זיין מקור — צום קוואַל פון שאַפונג און צום קוואַל פון פרייהייט. אין דעם דאָזיקן טאָג זאָגט דער מענטש עדות אויף דער מציאות פון פרייהייט אויף דער וועלט און אויפן אמת פון שאַפונג. ווער עס גלייבט ניט אין שעפערישן ווילן — יענער לייקנט אין פרייהייט און שעפערישקייט צוזאַמען און האָט ניט קיין חלק ונחלה אין שבת.

די מנוחה! — די רו, וואָס קען אָפּשטעלן די אַרבעט ווען עס קומט דער טאָג פון רצון, דאָס גופא זאָגט עדות אויף דער פרייהייט פון ווילן און טאַט, אַז שעבוד און פאַרשקלאַפונג זיינען ניט מער ווי אַ היסטאָרישע דערשיינונג אָבער ניט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג, אויף דער אמתער גלייכ־קייט פון אַלע מענטשן, און אַפילו פון בעלי־חיים, אַז אַלע זיינען באַרעכטיקט צו דעם זכות פון פרייהייט: „און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין אָקס און דיין אייזל און אַלע דיינע בהמות, און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָל רוען ווי דו... און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים"... דער שבת היט איבער דער פרייהייט און וואָרנט

אַנטקעגן קנעכטשאַפט. דער גאַנצער מהות פון שבת איז אין דער בחינה פון אַ „זכר ליציאת מצרים“.

און, וואָרהאַפטיק, מנוחה ווערט געגעבן, פריער פון אַלץ, צום אַרבע־טער, (ניט צום קנעכט.) אויב אַרבעט מיינט אַקערן און זייען — דאַן איז מנוחה — שניט. די הנאה וואָס קומט פון דער אַרבעט, נאָכדעם ווען דער מענטש, ווי דער וועלט־באַשעפער נאָך די ששת־ימי־בראשית, טוט אַ קוק און זעט „אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און עס איז זייער גוט“. אַ כשרע אַרבעט, אַ צוגאָב צום אוצר פון לעבן — דאָס איז די מנוחה. די פרייד פון יצירה באַגלייט דעם מענטשן דורך דער צייט פון אַרבעט און נעמט אים דורך און דורך מיטן סוף פון זיין יצירה. די דאָזיקע שמחה איז אַ הייליקע, און מען דאַרף זי אָפּהיטן, ווייל זי היט אויף דעם גלויבן פון יצירה. אין דער בחינה, איז שבת אַ „זכרון למעשה בראשית“.

ווען אונדזער פאָלק האָט פּראָקלאַמירט דעם שבת — איז עס נאָך געווען אַ יונג פאָלק. די גאַנצע וועלט איז דעמאָלט געווען פאַרזונקען אין קנעכטשאַפט און פאַרשקלאַפונג, די פאַרשקלאַפונג פון איין מענטש צום צווייטן און פון איין פאָלק צום אַנדערן, און די פאַרשקלאַפונג פון יעדן איינעם צו אומגעציילטע כוחות, צו די כוחות פון נאַטור און גורל, כוחות פון טויט און כוחות פון קינדערישן דמיון און נאַרישע אָבערגלויבנס. איז געקומען דער שבת און באַלויכטן די וועלט מיט אַ ניי ליכט. אמת, דער שבת איז געווען בלויז אַ צייכן פון מעשה־בראשית. אָבער זיין ווערט האָט געהאַט אַ וועלט־פאַרנעם, אוניווערסאַל פון דער ערשטער מינוט אָן. אין אָנהייב האָט פון דעם געהאַט הנאה בלויז דער איינגעוואַנדערטער אין די טויערן פון יהודה, און ישעיה הנביא, ווען ער רעדט וועגן דעם, רעדט דערפון מיט ליבע, ווי אין דער תפילה פון שלמה המלך: „מיין הויז זאָל גערופן ווערן דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער“. אָבער ביסלעכווייז האָט דער שבת איינגענומען די ברייטע וועלט, און אונטער דעסן האָט זיך דער שבת אָנגעפילט מיט אַ נייעם אינהאַלט.

שוין אין דער צייט פון בית־שני איז דער שבת געווען געווידמעט צו געדאַנק און לערנען. עזרא האָט איינגעפירט צו לייענען שבת די תורה, און די אידישע חכמים האָבן צוגעגעבן צו קריאת־התורה פון דאָס זייעריקע. פילאָ דער אַלעקסאַנדערינער דערציילט, אַז שבת זיינען אָפן אָן אַ שיעור בתי־מדרשים, און דרשנים שטייען אויף די בימות און רעדן חכמה און מוסר צום גאַנצן אידישן קהל, וואָס איז דורשטיק נאָך גאָט׳ס וואָרט. און יאָזעפוס פלאַוויוס דערציילט, אַז אין יעדער איינציקער גויאישער שטאָט, וואו עס וואוינען אידן, קומען זייער פיל אידן אין די שולן, און זיי היטן אָפּ שבת אין וואָרט און אין טאַט.

די אידישע חכמים אין דער תקופה פון משנה און תלמוד האָבן אַנט־

וויקלט אויף אַ גרינטלעכן אופן די נאַטירלעכע און היסטאָרישע גרענעצן פון שבת־רו, זיי האָבן איינגעפירט אַ צאָל צו די אָב־מלאכות, וואָס זיינען אסור אום שבת, און מתיר געווען אַלצדינג, וואָס מאַכט דעם שבת פאַר אַ טאָג פון פאַרגעניגן און נחת. אַ טאָג פון הנאה פון אַלע פריידן פון לעבן און פון גאָט־ברוך־הוא׳ס וועלט. זיי האָבן אָנגעפילט דעם שבת מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט, ווען זיי האָבן קאָנצענטרירט דאָס בעסטע פון נאַציאָנאַלן געדאַנק אַרום דער סדרה פון וואָך וואָס ווערט שבת געלייענט. זיי האָבן פאַרזאַמלט גרויסע קהילות אין די שבתים „צו לערנען און אויפצוקלערן פאַר אידן די תורה״. זיי האָבן דאָס געשאַפן דעם געהויבענעם באַגריף פון דער נשמה־יתירה, וואָס באַגלייט יעדן שומר־שבת, וואָס מיר דאַרפן זיי שפּייזן מיט כל־המינים גייסטיקע תענוגים.

דורך דער גאַנצער תקופה פון מיטלאַלטער האָט אונדזער פאָלק אין גלות אָפּגעהיט דעם שבת, מיט אַלע כוחות זייערע, און אָפטמאָל איבער די כוחות, און זיי האָבן זיך אַפילו ניט געקלאָגט אום שבת אויף זייער נאַציאָנאַלן אומגליק. און באמת, לויט דער טרעפלעכער באַמערקונג פון מדרש — „מער ווי אידן האָבן געהיט איבערן שבת, האָט דער שבת זיי אָפּגעהיט״. — דער שבת האָט זיי אָפּגעהיט פון פאַרצווייפלונג און געפאַלנקייט, ער האָט געהיט, אַז זייער הייך זאָל ניט געבויגן ווערן, אַז זייער גייסט זאָל ניט ווערן אָפּגעשלאָפּט און זייער פונק פאַר גאולה זאָל זיך ניט אויסלעשן.

אַן אייביקע שיינקייט האָט די קבלה, איבערהויפּט די קבלה פון ארץ־ישראל, און נאָכדעם דאָס חסידות, אַריינגעבראַכט אין שמירת־שבת. דער שבת איז באַקרוינט געוואָרן מיט כמה וכמה קרוינען און איז געוואָרן: די מלכה שבת, די פּראַכטיקע כלה, וועלכער מען באַגעגנט ביי איר אַריינקומען מיט שירה און תפילה און די גאַנצע צייט וואָס זי האַלט זיך אויף מיט אונדז פאַרברענגט מען אין הויכע גרויסע וועלטן. די וואָך איז געוואָרן אַ מנורה, און דער שבת איז דאָס מיטלסטע ליכט, פון וועלכן אַלע אַנדערע טעג ציען זייער יניקה, דריי פון איין זייט און דריי פון דער אַנדערער זייט. דער שבת איז געוואָרן אַ צייט פון רצון, ווען אַלע דינים און משפטים ווערן באַהאַלטן פאַר זיין פנים, אַ פאַסיקע צייט אין וועלכער צו טראַכטן דעם חשבון פון דער וועלט, זיך צו פאַרטיפן אין די סודות פון באַשאַף, צו געבן אויסדרוק פאַר פאַרבאָרגענע בענקענישן דורך געזאַנג און ניגון און טאַנץ.

ווען די מויערן פון געטאָ אין מערב־אייראָפּע, און נאָכדעם איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען געפאַלן — האָבן אַ סך אידן געבראַכט דעם שבת פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון גלייכבאַרעכטיקונג. אין אָנהייב — איבערגוואַלט און שפּעטער — מיט זייער גוטן ווילן. אין אָנהייב — אין ענגע קרייזן, שפּעטער — אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב. ס׳איז געפאַלן די לעצטע פעסטונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע. אָבער דאָס בענקעניש נאָכן שבת האָט ניט

אויפגעהערט, און עס האָט אַ גרויסן חלק אין דער נאַציאָנאַלער החלטה זיך אומצוקערן צום לאַנד פון די אָבות, צו אַן אייגנאַרטיק אידיש לעבן.

און אָט האָבן מיר זוכה געווען צו די ערשטע אַנטפּלעקונגען פון דעם דאָזיקן לעבן. דער שבת האָט זיך איינגעהילט אין אַ ניי ליכט אין לאַנד און ער עפנט פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן און ווייזט אונדז דעם חלום פון אונדזער צוקונפט — אַ טאָג וואָס איז אינגאַנצן שבת, אינגאַנצן שלום און ליבשאַפט, דורכאויס שאַפונג, דורכאויס פרייהייט.

און אונזער דיכטער חיים נחמן ביאַליק — די נשמה־יתירה פון אונדזער דור — האָט אונדז געלאָזן די ברכה פון זיין ליכט, די אינסטיטוציע פון „עונג־שבת”, וואָס איז אייגנטלעך אַ המשך פון יענע פאַרזאַמלונגען שבת, וואָס משה רבנו, האָט לויט דער מסורה, אָנגעהויבן; אַן אינסטיטוציע וואָס איז געוואָרן איינגעשטעלט אין אונדזער באַנייט לעבן, צו דערהויבן דעם גייסט פון אונדזערע קינדער, די בויער. מיר האָבן זוכה געווען צו פאַר־זאַמלונגען פון הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס קומען שבת הערן גאָט'ס וואָרט.

געוויס וועלן מיר זוכה זיין אויפצוהיטן דאָ אונדזער נשמה יתירה. אין איר ליכט וועלן מיר פאַרוואַנדלען אונדזער לעבן אין אַ לעבן פון יצירה. פאַר איר ליכט וועלן מיר אָנפילן אונדזער גאַנץ לעבן מיט דער ליבשאַפט פאַר דער תורה, און מיר וועלן פונדאַסניי בויען אונדזער וועלט אויף די פונדאַמענטן פון די נביאישע פאָדערונגען, וואָס פון זיי אַנטוויקלט זיך די מענטשלעכע געשיכטע אויף איר וועג צום „אַחרית־הימים”, צום אייביקן שבת.

## חיים גרינבערג

# שבת

לויט אַן אַלטן מדרש — איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען וואו ער שטייט — האָט גאָט אויך דעם זיבעטן טאָג ניט גערוט. אויב רו זאָל הייסן גאָר־ניט־טאָן, אינגאַנצן ניט זיין באַשעפטיקט, פולשטענדיקע פּאַסיוויטעט, האָט דער בורא־עולם אין דעם זינען שבת ניט אָפּגעהיט. זיין „שמירת שבת” איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס ער האָט אין יענעם טאָג קיין מלאכה ניט געטאָן. אָבער מלאכה קען ניט אויסשעפּן די אומבאַגרענעצטקייט פון טאָן און שאַפן. זי איז ניט מער ווי אַ טייל פון דער געטלעכער (און מענטש־לעכער) אַקטיוויטעט, אַ טייל און אויך אַ געוויסע מדרגה פון אַקטיוויטעט. יענע מדרגה האָט גאָט פאַרלאָזן דעם זיבעטן טאָג — ניט כדי זיך אַראָפּ־צולאָזן, חס וחלילה, אויף אַ נידעריקערער מדרגה, און ניט כדי זיך איבער־

צוגעבן אין רשות פון אַפּאַטישן ניט־טאָן, נאָר כדי זיך און די וועלט אויפ־צוהייבן אויף אַ העכערער מדרגה פון שאַפונג. „ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה... וישבת ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה" — אַלץ וואָס דער כביכול האָט באַטראַכט פאַר מלאכה, כדי אויסצופורעמען דעם עולם־החומר, האָט ער אָפּגעשטעלט פריטיק פאַרנאַכט. שבת איז ער געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט אַ נייער אויפגאַבע — מיטן שאַפן פון שבת גופא. שבת איז אַלזאָ אויך אַ טייל פון דער אור־שאַפונג, און אַז מען וויל מעג מען זאָגן, אַז אין הינטערגרונט פון דער וועלט שטייען ניט קיין זעקס, נאָר זיבן טעג פון מעשה־בראשית. די וועלט וואָלט ניט געווען פאַרענדיקט, ווען איר באַשאַפער וואָלט זיך באַגרענעצט בלויז מיט שאַפן דאָס שטאָפלעכע; כדי זי זאָל האָבן אַ זינען און אַ רעכט צו עקזיסטירן האָט מען איר געדאַרפט געבן אַ מין גייסטיקע איבערסטרוקטור — שבת. יענער מדרש, אויב מיר מעגן אים אויסטייטשן אין אונדזערע היינטיקע טערמינען, האָט דאָ דעם רבונו־של־עולם צוגעשריבן צוויי אַטריבוטן: דעם אַטריבוט פון אַ „בעל־מלאכה" און דעם אַטריבוט פון אַ „קינסטלער".

איך האָב דאָ דערמאָנט דעם אייגנאַרטיקן מדרש ניט צופעליק. אַ דאַנק דער טענדענץ פון אונדזער דור — צו „פאַרוועלטלעכן" די עלעמענטן פון אונדזער טראַדיציאָנעלער קולטור, האָבן מיר אפשר אַ שיין ביסל איבער־באַטאָנט די באַדייטונג פון שבת אַלס אַ „סאָציאַלע אינסטיטוציע". ווער קען דען אייגנטלעך לייקענען, אַז אידן זיינען געווען די ערשטע איינצופירן אַן אָבליגאַטאָרישן רו־טאָג צוליב סאָציאַלע צוועקן? אַוודאי און אַוודאי איז שבת אַ וויכטיק און פּראָגרעסיוו שטיק סאָציאַלע לעגיסלאַציע וואָס איר צוועק איז צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פונעם אַרבעטנדיקן און עקאָנאָמיש ניט־זעלבסטשטענדיקן מענטשן. שבת איז אויך אַ „זכר ליציאת מצרים", אַ באַפרייאונג פון יענער שקלאַפן־אַרבעט וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיכרון פון פאָלק אַלס די גרעסטע פייניקונג און דערנידעריקונג. אין אַלטער־טום האָט וועגן אַזאַ רעפאָרם קיין שום אומה ולשון ניט געוואוסט, און אויב אין מיטלאַלטער איז זונטיק געוואָרן אין דער קריסטלעכער מערב־וועלט אַן אָבליגאַטאָרישער רו־טאָג, וועלכער האָט — יעדנפאַלס פּרינציפּיעל — געדאַרפט גאַראַנטירט ווערן יעדן מענטשן, אויך דעם קנעכט, איז דאָס אַרויפ־געצוואונגען געוואָרן פון דער אידישער רעליגיע. אין דער מוסולמענישער וועלט איז,ליידער, דער דאָזיקער שוץ פונעם אַרבעטנדיקן מענטשן נאָך ביז היינט ניט איינגעפירט געוואָרן אין דער געהעריקער מאָס. בקיצור, איך בין ניט מחולק מיט די וואָס זעען אין שבת אַ סאָציאַל־היגיענישע אינ־סטיטוציע פון ערשטן ראַנג, וואָס איז ביז גאָר ניט לאַנג צוריק ניט איבער־געטראָפן געוואָרן פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג אין די פּראָגרעסיווע

לענדער (עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע, אין דער ערשטער פראַנצויזישער רעפּובליק, האָט אַ דעקרעט איינגעפירט אַ רו־טאָג איינמאָל אין צען טעג אַנשטאָט איינמאָל אין די טראַדיציאָנעלע זיבן טעג). דער אינהאַלט פונעם אידישן שבת ווערט אָבער ניט אויסגעשעפּט אָט דורך דעם סאָציאַלן און, אין אַ געוויסן זינען, פיזיאָלאָגישן אַספּעקט. פיזיאָלאָגיש האָט די אַלטע, די ביבלישע געזעצגעבונג ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן און צווישן זיין פערד און אָקס, זיין אייזל און קעמל. אויך בהמות האָט אַ איד געדאַרפט באַפרייען פון אַרבעט אויף שבת, ווייל אויך זיי זיינען באַרעכטיקט צו האָבן אַ רו־טאָג, וואָס זאָל באַשיצן זייער געזונט און פעריאָדיש רעסטאַווירן זייערע כוחות. דער געזעצגעבער האָט אָבער ניט געטראַכט אַז שבת קען ווערן פאַר די שטוב־בהמות ניט נאָר אַ רו־טאָג, נאָר אויך אַ הייליקער טאָג. דעם מענטשן און נאָר דעם מענטשן האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל געדענקען דעם שבת־טאָג — „לקדשו", אים צו הייליקן, און אין אים אַריינצוטראָגן (און פון אים אַרויסצוציען) אַזעלכע מאָטיוון, וואָס זאָלן דעם טאָג דורכגייסטיקן. אויב ניט אינגאַנצן אין זיין אור־שפּרינגלעכער אידייע, איז זיכער אין זיין שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג שבת אויפגעפּאַסט געוואָרן אַלס אַ טאָג ווען גייסט באַהערשט שטאָף אין אַ סך אַ ברייטערער מאָס ווי אין די וואָכעדיקע טעג.

איך רעד דאָ פאַר אייך אין אַ דאָרפישער סביבה, אונטערן פרייען הימל, אָן אַ ביבליאָטעק, און איר וועט מסתמא מיך ניט שטעלן אין קיין פאַרלעגנהייט מיט פראַגן, וואו וואָס „עס שטייט". ערגעץ־וואו אין תלמוד ווערט דערציילט וועגן אַ סכנה וואָס האָט געלויערט אויף דער וועלט אין די ששת ימי המעשה. דער חומר האָט זיך זיין אייגענע דינאַמיק, און ווי־באַלד גאָט האָט אים אַרויסגערופן צו עקזיסטענץ, האָט ער אַרויסגעוויזן, רעדנדיק אין היינטיקע טערמינען, אַ געפערלעכן דראַנג צו עקספּאַנסיע. ער האָט געזוכט אַזוי זיך אויסצושפּרייטן, אַז אין דער ספערע פון עקזיסטענץ זאָל שוין פאַר גאָרניט ניט זיין קיין „פּלאַץ", און ער זאָל בלייבן אויף אייביק דער איינציקער יש, די איינציקע רעאַליטעט. פרעגט ניט קיין קשיות אויף אַ לעגענדע, ווי פּאַראַדאָקסאַל זי זאָל ניט קלינגען, אָבער דער איינדרוק פון יענער לעגענדע, וועלכע איך קען היינט לײדער ניט ציטירן אין איר אייגענעם לשון, איז אַזעלכער, אַז דער כביכול האָט פלוצלונג דערזען פאַר זיך אַ בונט פון חומר, וואָס האָט געזוכט מיט זיך צו פאַרפלייצן דאָס גאַנצע „זיין": אומבאַגרענעצטע מאַסן פון נאָך־ניט־געשאַפענעם, בלויז פּאָטענציעלן חומר האָבן זיך מיט אַ ווילדער קראַפט געריסן צו עקזיסטענץ, געזוכט זיך אויסצופורעמען, זיך צו מאַניפעסטירן. יענעם בונט האָט דער בורא־עולם אָפּגעשטעלט. „עד כאן", געגנוג, מער ווי דעם חומר וואָס ער האָט ביז אַהער

געשאַפן, וועט ער ניט דערלויבן צו עקזיסטירן, און כדי צו צאַמען דעם חומר׳ס צעיושעטן דראַנג, האָט ער אויף זיך און אויף דער וועלט גוזר־שבת געווען. אויך דער באַגרענעצטער חומר, וואָס גאָט האָט דערלויבט אַריינ־צוגיין אין דער ספערע פון עקזיסטענץ, איז אומגעהייער מאַסיוו, און מיט זיין שווערן געוויכט זוכט ער איינצופירן אַ מין אויטאָקראַטישע הערשאַפט איבערן מענטשן. דער קעגנגעוויכט אָט צו יענער דיקטאַטור פונעם שטאָפ־לעכ איז שבת — די ספערע פון פרייען גייסט, וואָס וואַרפט זיך ניט אונטער אונטער דער ממשלה פון חומר. אויב מצרים זאָל זיין אַ סימבאָל פון אונ־טערטעניקייט צום שטאָפלעכן, דאַרף שבת באַטראַכט ווערן אַלס אַ מין קאָסמישע „יציאת מצרים״ — אַ פעריאָדיש־ריטמישער אויסצוג „מעבדות לחרות״, יעדע וואָך פון אַ גאַנץ יאָר, פון אייביקייט ביז אייביקייט.

ניט אומזיסט האָט זיך ביי אידן געשאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן אַ נשמה יתירה וואָס ווייזט אַרויס איר עקזיסטענץ אום שבת. כדי צו באַקעמפן די טיראַנישע הערשאַפט פון חומר און זיך באַפרייען פון די מאַוימדיקע צינזן וואָס דער מענטש איז געצוואונגען אים צו צאָלן, פאָדערט זיך עפּעס מער ווי די „געוויינלעכע״ נשמה וואָס אָפּערירט מיט אירע באַגרענעצטע קרעפטן אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך. ר׳ שמעון בן לקיש, וועלכער האָט אַמאָל אָט אויף דער „איבער־נשמה״ אָנגעוויזן, האָט אָבער אין דעם צוזאַ־מענהאַנג געמאַכט אַ טעות. ביי אים קומט אויס אַז יעדן ערב־שבת גיט גאָט אַריין אין מענטשן אַ נשמה יתירה און מוצאי־שבת נעמט ער זי פון אים צוריק. אַנדערע חכמים האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויך די נשמה יתירה איז ניט ערגעץ־וואו אויסער דעם מענטשן, וואָס קומט יעדע וואָך אַריין אין אים אַלס אַ צייטווייליקער גאַסט. בכוח איז נשמה יתירה קעגנווערטיק אין מענטשן אויך אין די וואָכעדיקע טעג — זי איז אַ טייל פון זיין וועזן און ניט קיין פרעמד־אַרטיקער עלעמענט וואָס ווערט אין אים „דעפּאָנירט״ דורך אַ געטלעכער מעכאַניק — נאָר בפועל קען זי זיך ניט אַרויסצייגן אַזוי לאַנג דער מענטש איז פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, מיט „מלאכה״, אָדער גאָר מיט „פרקמטיא״ וואָס לעבט פאַראַזיטיש מיטן קאַרגן, געבאַרענעם ביסל ליכט, וואָס זי קריגט פון „מלאכה״. אין וואָכעדיקע טעג מוז דער מענטש, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, גוזר זיין אויף זיין נשמה יתירה, אַז זי זאָל זיך מצמצם זיין, זיך באַשיידן־שעמעוודיק באַהאַלטן ערגעץ אין אַ פאַר־באָרגענעם ווינקל פון זיין וועזן, ביז ס׳וועט קומען דער מאָמענט פון שבת, ווען ער וועט זי פון דער גזירה״ באַפרייען און דערמיט זיך באַפרייען. אין וואָכעדיקע טעג גייט דער מענטש אַרום ווי מיט אַ מאַסקע אויפן פנים, ווי איינער וואָס פרעטענדירט קיין נשמה יתירה ניט צו האָבן. אָן אַ מאַסקע באַווייזט ער זיך, פאַר דער אויסנוועלט, פאַרן חומר, און פאַר זיך אַליין —

שבת. אין דעם זינען איז ער שבת נאַטירלעכער ווי אין וואָכעדיקע טעג, און אַט דאָס אפשר האָט דער מדרש געמיינט ווען ער האָט געזאָגט, אין בראשית רבה, „לא דומה אור פניו של אדם כל ימות השבת כמו שהוא דומה בשבת" (דאָס ליכט פונעם מענטשנס פּנים אַלע טעג פון דער וואָך איז ניט דאָס זעלבע וואָס אום שבת). ווען דער מענטש (אָדער „דער איד") וואָלט לויט זיין עצם ווען ניט געווען שבתדיק, וואָלט ער פון זיך קיין שבת ניט געקאָנט אַרויספּראָדוצירן, אָדער ער וואָלט ניט מסוגל געווען אָנצונעמען פון גאָט שבת אַלס מתנה: אויך אויף אָנצונעמען אַ געשענק פאָדערט זיך טאַלאַנט, באַשאַנקענקייט. דאָס וואָכעדיקע איז, פון דעם שטאַנדפּונקט, אַ אייביקע „היפּאָקריטסטוואָ" וואָס דער מענטש אַלס אונטערטאַן פון דער נאַטור מוז אַרויסווייזן כדי ווי עס איז דורכצוקומען מיט דער ממשלה פון חומר, בשעת דאָס שבתדיקע אין אים איז דאָס אויפריכטיקע און עכטע, די אויסשטראַלונג פון זיין טיפערער נאַטור — אַט ווי היינע האָט געוואָלט גלויבן, אַז דער בן־מלך וואָס איז דורך כישוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הונט, אָבער אויף יעדן שבת ווערט ער צוריק אַ בן־מלך, טראָגט נאָר אַ הינטישע מאַסקע, בשעת אין זיין שורש נשמה איז ער געבליבן וואָס ער איז געווען, פאַר וואָס ער איז באַשטימט געוואָרן: אַ פּרינץ.

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין שבת — אין דער אידייע פון שבת און אין זיינע מאַניפעסטאַציעס אין אידישן לעבן און דענקען — אַלץ מער ווערט מען אָנגעפילט מיטן געפיל, אַז אויב סאָציאַל איז שבת אַ רעפאָרם, איז ער מעטאַפיזיש אַ רעוואָלוציע — אַ רעוואָלוציאָנערער ריטעם פון אַרויס־פאָדערונג צום חומר, צו יענעם שטומען מאַסיוו וואָס דריקט אויפן מענטשן און וויל ניט צולאָזן זיין פרייהייט. די הויפּט־אייגנשאַפט פון חומר איז זיין שווערקראַפט, און ער צווינגט אַלץ, אויך דעם מענטשן, צו אים צו גראַוויטירן. שבת איז דער געניאַלער פאַרזוך דעם געזעץ פון שווערקראַפט צו „סוספּענ־דירן", אָדער, לכל הפחות, זיך פון אים ניט ווילנדיק צו מאַכן, אים מבטל צו זיין און כאָטש אויף איין מעת־לעת אין וואָך צו אים ניט גראַוויטירן. אויס מלאכה, אויס פיקסירט־זיין אויף דער מלאכה־וועלט, אויס אָפּהענגיקייט פון דעם וואָס איז אויסער דיר און נידעריקער פון דיר. אויס זאָרג און דאגה (עס איז אַ מצוה צו דאגה׳ן אין מיטן וואָך, כדי צו מאַכן דעם שבת זאָרגלאָז), אויס דברי־חול און געבונדנקייט צו דברי־חול, אַ מין איבערגאַנג פונעם קיניג־רייך פון נויט און קנעכטשאַפט אין אַ קיניגרייך פון שפע און פרייהייט, פון מי צו „שפּיל", פון שקלאַפעריי אין אַ טיראַנישן שטאַט צו בירגערשאַפט אין אַ רעפּובליק פון גייסט.

די דינאַמיק פון שבת איז זיג, טריאומף: טריאומף פון גייסט איבער מאַטעריע. שבת קען מען אין יעדן אָרעמען הויזגעזינט פאַרבעטן די מלאכי־

השרת, אָפּגעגעבן זיי „שלום־עליכם“, ווי לאַנג־באַקאַנטע, באַפריינדעטע, איי־
גענע. דער חומר־טיראַן ציט זיך צוריק, באַהאַלט זיין פּנים, ווי אַ שולדיקער
און זינדיקער. אויף דער סצענע קומט די באַפרייענדיקע, אויסגעחלומטע
מלכה. ר׳ חנינה איז ניט געווען דער ערשטער וואָס האָט דערזען איר אָנקומען
און גערופן יעדן אויף אַ מין פּראָצעסיע, זי מקבל פּנים־זיין: „בואו ונצא
לקראת שבת המלכה“; ר׳ ינאי איז ניט געווען דער לעצטער וואָס האָט אין
דער מלכה דערזען די כלה: „בואי כלה, בואי כלה!“ יעדן איינעמס מלכה
און יעדן איינמס כלה: יחוס; מילדע, צאַרטע הערשאַפט פונעם העכערן
איבערן נידעריקערן; חסד אָנשטאָט דעספּאָטיזם; האָפענונג, „מאַרגנדי־
קייט“, לאַקונג און פאַרשפּרעכן. מען דאַרף נאָר אָנצינדן און בענטשן די
ליכט: זאַנפטע שטראַלן פון דער מלכה־כלה׳ס אויגן ווערן פון די ליכט
אַרויסשיינען — פאַר יעדן, אויך פאַר דיר און נאָר פאַר דיר.